# דער פרשה קוועל

צוזאמען געמומען
פון די שמועסן פון


מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א


משפטים (שקלים)


מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## משפטים

לא תגנוב - ס׳איז נישט מעגליך אַז איינער זאָל דיר שאָדן מאַכן אפי׳ אַ פרוטה........................ א

יצא לחפשי - דער איבערשטער שיקט דיר אַ נסיון נאָר אויב דו קענסט עם ביישטיין ........................ ה

את העני עמך - ברענגן רחמנות אויף זיך דורך זיך אַריינלייגן אינעם אָרימאַן׳ס מצב ........................ ח

לא תענון - נזהר זיין אין דיין חבר׳ס כבוד, אפילו ווען די ביסט גערעכט ........................ י

פרשת שקלים - די גרויסע שפע וואָס ווערט נשפע אין דעם שבת ........................ טו

# משפטים

**לא תגנוב - ס'איז נישט מעגליך אַז איינער זאָל דיר שאָדן מאַכן אפי' אַ פרוטה**

**ואלה** המשפטים אשר תשים לפניהם (כא, א).

**רוב** הלכות ממנות, נזיקין, טוען ונטען, א.א.וו. לערנען מיר פון די פסוקים אין די וואכעדיגע סדרה. נו, וואלט דאך דער מענטש געמיינט אז דער דרך התורה איז צו גיין אין דין תורה פאר סיי וועלכע דיני ממנות. זאגט אבער הרה"ק רבי ברוך'ל קאסוב'ער זי"ע (אין ספה"ק "עמוד העבודה" דרוש הבטחון, ט-יג), כלל גדול, זייט דער טאָג ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט נאך קיין מענטש נישט שאָדן געהאַט אפילו אַ פרוטה, און אויך נישט פאַרדינט אַ פרוטה. כאָטש עס זעהט אויס מיט'ן גשמיות'דיגן בליק אַז ער האָט יא שאָדן געהאַט געלט, איז נישט שייך אַ שאָדן ביי אַ מענטש.

**די** חז"ל זאָגן (ביצה טז.) "כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה", די פרנסה פונעם מענטש ווערט באַשטימט פאַר איהם יעדעס יאָר אין ראש השנה. אויב עס וואָלט געווען מעגליך אַז דורך זיין האָרעוואַניע, זאָל דער מענטש קענען צולייגן "אַפילו איין פרוטה" מער ווי עס איז פאַר איהם אָפגעשריבן געוואָרן פון הימל, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגן די חז"ל "קצובין"?

**די** זעלבע איז ביי אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט. אפילו אויב מ'זאָל זיך באַמיען מיט אַלע כוחות צו פאַרמינערן פון דעם וואָס עס איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן, וועט מען נישט קענען וויינעגער מאַכן זיין קצבה[א].

**זאָגט** ער ווייטער, אַלע מענטשן זאָגן אַז זיי גלייבן אין תורה שבעל פה. נו, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט גלייבן אין די ווערטער פון די חז"ל אַז די מזונות זענען "קצובים" פאַר'ן מענטש? אויב ס'איז נישט נגזר געוואָרן אויף איהם פון הימל קיין שאָדן, דאַן אפילו אויב איינער וועט פאַר איהם מאַכן אַ שאָדן, וועט מען עס איהם סיווי צוריקגעבן פון הימל. אפילו אויב ער וועט טוהן אַ סאַך השתדלות, וועט נישט

---

**א.** עס האָט מיר דערציילט אַ זון פון הרה"צ רבי זלמן בריזל זצ"ל, וועלכער האָט, ווי באַקאַנט, אויפגעשטעלט אין ירושלים מיט זיינע צען פינגער אַ בעקעריי, וואו מ'האָט געבאַקן חלות, ברויט און אַנדערע מזונות, וואָס מ'האָט גערופן "בריזעל'ס בעקעריי". אין יענע תקופה, איז רבי זלמן'ס בעקעריי געווען כמעט די איינציגע בעקעריי ביים היימישן ציבור.

אין אַ געוויסן טאָג, האָט איינע פון זיינע אַרבעטערס איהם פאַרראַטן און געעפענט אַן אייגענע בעקעריי. וואָס האָט רבי זלמן בריזל געטוהן? ער איז נישט געוואָרן אין כעס אויף יענעם, און האָט איהם נישט גערופן צו אַ דין תורה. אדרבה, רבי זלמן האָט באַזוכט ביי איהם אינדערהיים, און איהם געגעבן עצות מיט זיין דערפאַרונג, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די סחורה, ביז ער וועט באַקומען אַ נאָמען אַלס אַ מומחה, און וועט גאָר שיין פאַרדינען.

דאַן האָט רבי זלמן'ס משפחה זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, און פראָבירט זיך איין'טענה'ן מיט איהם: אויב מיר וואָלטן געזעהן ווי דו טוסט זיך "נאַר" צוריקהאַלטן פון מוחה זיין איבער זיין חוצפה, וואָלטן מיר געשוויגן, ווייל דאָס פאַרשטייען מיר אַז אונזער פאָטער וויל זיך נישט קריגן מיט קיינעם, און ער וויל קיינמאָל נישט דאַרפן שטיין פאַר אַ דין תורה ביי אַ בית דין... אָבער פאַרוואָס דאַרפסטו איהם אַרויסהעלפן, און נאך דערצו, איהם עצה'ן ווי אַזוי ער זאָל קענען פאַרגרעסערן זיינע פאַרדינסטן, אויף דיין חשבון?!... האָט רבי זלמן געענטפערט:

- דאָס געלט וואָס איז אָפגעשריבן געוואָרן פאַר מיר אין ראש השנה, וועל איך סיי-ווי באַקומען... ער מאַכט מיר נישט קיין שאָדן... אדרבה, ער פאַרלייכטערט פאַר מיר די שווערע אַרבעט, אַז איך זאָל נישט דאַרפן זיין באַשעפטיגט מיט אַזוי פיל קונים... נו, צו קומט איהם דען נישט אַז איך זאָל איהם העלפן, ווען ער העלפט מיר?!... מעג איך דען זיין, חלילה, אַ 'כפוי טובה'?

ממילא, איז דאָך נישט קיין וואונדער ווי אַזוי רבי זלמן איז שטענדיג געווען אַזוי פריילעך, און איז אייביג אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמייכל אויפ'ן פנים. די אמונה אינעם גרויסן באַשעפער, געבט דאָך אַריין אינעם מענטש רואיגקייט און שמחה אָן אַ שיעור.

מענטשן מיינען אַז דאָס געלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט און וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט, איז "זייערס",

העלפן, ווייל דאָס וואָס ער וועט שאַדן האָבן דאָ, וועט ער פאַרדינען פון אַן אַנדער אָרט[ב].

---

**ב.** עס האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן, אַז אַמאָל ווען ער איז געווען ביים ציין דאָקטאָר צוליב זיינע שטאַרקע ציין-ווייטאָג האָט דער דאָקטאָר איהם געזאָגט אַז זיינע ציין זענען קאַליע און פאַרפוילט, און צו באַהאַנדלען די ציין און זיי ריכטיג צוריקשטעלן, וועט איהם קאָסטן פינף טויזנט שקלים. האָט דער יונגערמאַן געגעבן אַן "איינגאַבע" (דעפּאָזיט) פאַר'ן דענטיסט, און מ'האָט אָפּגעשמועסט אַ צייט ווען ער זאָל אַריבערקומען.

ווען ער איז אַהיים געקומען פונעם ציין-דאָקטאָר, האָט דער יונגערמאַן געהערט וועגן אַ צווייטן דענטיסט, וואו עס וועט איהם קאָסטן אַזאַ באַהאַנדלונג בלויז 4,500 שקלים. ער האָט געוואָלט בטל מאַכן זיין "אַפּאָינטמענט" ביים ערשטן דענטיסט, אָבער זיין רב האָט איהם געזאָגט, אַז ער טאָר נישט בטל מאַכן די ערשטע באַשטעלונג, נאָר אויב דער ערשטער ציין-דאָקטאָר וועט מסכים זיין דערויף. בלית ברירה, האָט דער יונגערמאַן געבעטן דעם ערשטן דענטיסט, ערלויבעניש צו גיין צום אַנדערן דאָקטאָר, ווייל דאָרט וועט איהם קאָסטן ביליגער. דער ערשטער דאָקטאָר האָט אָבער נישט איינגעשטימט דערצו, אבער ער האָט אַראָפּגענומען פינף הונדערט שקלים פונעם חשבון, אזוי אז דער יונגערמאַן האט נישט געדאַרפט צאלן מער ווי 4,500 שקלים.

וואָס האָט אָבער פאסירט? אַ נאַכט שפּעטער, איז די וואַש-מאַשין אין הויז פון דעם יונגערמאַן צובראָכן געוואָרן, און עס האָט געקאָסט צו פאַרעכטן 500 שקלים – גענוי ווי דער חשבון פונעם שאָדן איז געווען גענוי אַזוי פיל ווי דער חשבון פון דעם ריווח.

אַוודאי דאַרף דער מענטש טוהן 'השתדלות' (און דער יונגערמאַן האָט דאָ געטוהן אַן אויסגעהאַלטענע 'השתדלות'), פונדעסטוועגן, ווען מ'קומט טוהן 'השתדלות', דאַרף מען געדענקען די דאָזיגע מעשה...

לעצטנס איז באַקאַנט געוואָרן אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט יאָרן צוריק מיט די ברידער פון משפחת פּרחי, און מיר האָב עס געהערט פון די בעלי העובדא אַליין. אין אַ געוויסן פרייטאָג צו נאַכטס, האָט מען זיך פאַרבונדן מיט זיי פון די "סעקיוריטי" פירמע, וואָס היט זייער צירינג געשעפט אין וויליאַמסבורג, אַז מ'האָט באַמערקט אַ "פאַרדעכטיגע" אַקטיוויטעט ביי זייער געשעפט. וויבאַלד די ברידער, שומרי תורה ומצוות, האָבן נישט געענטפערט, האָבן די אַרבעטער פון די "סעקיוריטי" פירמע איבערגעלאָזט אַ "מעסעדזש", אַז דער "סעיף" אין געשעפט איז אָפען, און אַז זיי זאָלן דעריבער באַלד אַריבערקומען אין געשעפט. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ גרויסן פּחד, ווייל אין דעם "סעיף" זענען געלעגן אוצרות מיט גאָלד, וואָס האָט באַלאַנגט צו זיי און צו אַנדערע מענטשן. אָבער איין ברודער, אַלבערט, האָט געזאָגט צום אַנדערן ברודער, "היינט איז דאָך שבת, איך וועל בשום אופן נישט מחלל שבת זיין חלילה. איך וועל נישט גיין יעצט אין געשעפט אַריין... ה' נתן וה' לקח, יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם". האָט דער ברודער געזאָגט, "איך וועל אויך נישט מחלל שבת זיין"...

זיי האָבן זיך געזעצט עסן די סעודת שבת, פראַבירענדיג מיט אלע כוחות צו אָנגיין ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. טראָץ דעם וואָס די "סעקיוריטי" פירמע האָט עטליכע מאל טעלעפאָנירט און איבערגעלאָזט "מעסעדזשעס" אויך שבת אינדערפרי, אָבער זיי זענען אָנגעגאַנגען מיט זייער שמירת שבת ווי יעדע וואָך, מיט די תפילות און סעודות.

מוצאי שבת, זענען זיי תיכף אַריבערגעפאָרן צו זייער צירינג געשעפט, אָנקומענדיג אַהין אַרום 11 אַזייגער ביינאַכט. פאַר זייערע אויגן, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערליך בילד: אַלע פענצטער זענען געווען אויפגעבראָכן, און די גאָלדענע זייגערס זענען נישט געווען בנמצא... נידערטרעכטיגע גנבים האָבן אַלעס גענומען און גערויבט. האָט אַלבערט געזאָגט צו זיין ברודער, "לאָמיר אַריינגיין אין אינעווייניגסטן צימער, כדי צו זעהן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט'ן 'סעיף'. ברוך ה', איך האָב אַ שטאַרק האַרץ, און כ'האָב נישט מורא אַריינצוגיין אַהין". ער האָט געהייסן זיין ברודער וואַרטן אינדרויסן, און זאָגן קאַפּיטלעך "שיר המעלות"...

אַלזאָ, אַלבערט איז אַריינגעגאַנגען אינעם צימער וואו ס'איז געווען דער "סעיף", און צו זיין גרויס שטוינונג, האָט ער געזעהן אַז די "סעיף" איז פאַרמאַכט. ער האָט אויסגערופן הויך אויפ'ן קול צום ברודער, אַז דער "סעיף" איז גאַנץ, אומבאַרירט... ער האָט אָבער געזאָגט, ווער ווייסט צו די גנבים האָבן נישט אויפגעבראָכן דעם 'סעיף' דורך דעם צימער פון די שכנים... ער איז געגאַנגען מיט ציטערדיגע הענט און פיס זעהן ביי די שכנים, כמעט פאַרגעסנדיג

די נומערן פון דעם "קאָמבינעישאָן לאַק" (שלאָס) פון דעם "סעיף" מחמת גרויס פחד, אָבער ברוך ה', נאָך צען מינוט, האָט ער באַוויזן צו עפענען דעם סעיף און געזעהן אַז אַלעס איז, ברוך ה', אין בעסטן אָרדענונג, און קיינער האָט דאָ גאָרנישט אָנגערירט... ער האָט תיכף צוריק פאַרמאַכט דעם "סעיף".

אין יענע מינוט זענען אָנגעקומען פּאָליציאַנטן, און אָנגעשריגן די צוויי ברידער, וואָס זיי טוהען דאָ אינמיטן נאַכט... האָבן די ברידער דערציילט פאַר די פּאָליציאַנטן אז זיי זענען די בעלי בתים פון די באַרויבטע געשעפט. איינע פון די "מאַכער" צווישן די פּאָליציי לייט, האָט איהם געפרעגט, "פאַרוואָס זענט איר נישט אַהער געקומען נעכטן ביינאַכט?". האָט ער געענטפערט דעם פּאָליציאַנט, "יום שבתון אין לשכוח", נעכטן איז געווען שבת, ווען אידן רוען פון טוהן אַ מלאכה, און מיר וועלן נישט מחלל שבת זיין אַפילו ווען עס האַנדלט זיך פון אַ "הפסד מרובה" - אַ גרויסער שאדן... האָט דער פּאָליציאַנט איהם געפרעגט, אויב עס געפינט זיך אַ לייטער אינעם געשעפט. האָט ער געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט געבראַנגט אַ לייטער. האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט צו אלבערט: "איר האָט דאָ געהאַט גרויסע ניסים! און יעצט, גיי אַרויף אויפ'ן דאַך, וועסטו זעהן בחוש דעם נס פון אייער רעטונג".

ווען אַלבערט איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן לייטער, האָט ער געטראָפן אַ זאַק פול מיט וואָפן, אַ ביקס און קוילן... דאַן האָט דער פּאָליציאַנט איהם געגעבן צו פארשטיין וואָס דאָ האָט פּאַסירט: אַ באַנדע רויבערס האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין געשעפט, און זענען באַלד אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן דאַך העכער דעם "סעיף". זיי האָבן געהאַט אין פּלאַן צו וואַרטן ביז ענק אייגנטימער וועלן קומען אין געשעפט, ווען ענק וועלן באַקומען די מעלדונג פון די "סעקיוריטי" פירמע... ווען ענק האָבן געזאָלט אַריינקומען, און וואָלטן מסתמא געעפנט דעם 'סעיף' צו זעהן וואָס דאָרט טוט זיך... האָבן זיי (די רויבער) געפּלאַנט צו עפענען אַ שיסעריי און ענק אומברענגען אויפ'ן אָרט רח"ל, און אַזוי, וואָלטן זיי געקענט לייגן אַ האַנט אויפ'ן "סעיף", "לקיים מה שנאמר", "הרצחת וגם ירשת"...

פאַקטיש, האָבן די רויבער געוואַרט פון 9 אַזייגע ביינאַכט, און דער זייגער האָט שוין געוויזן צען אַזייגער, עלף, צוועלף, און אַזוי ביז 6 אַזייגער פאַרטאָגס, און אַז די בעלי בתים זענען נישט געקומען (ווייל ס'איז דאָך געווען שבת...) האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס געשעפט, נעמענדיג נאָר דאָס וואָס זיי האָבן געפונען אויסגעלייגט אין געשעפט. "אויב איר וואָלט געקומען פרייטאָג צו נאַכטס און געטוהן דאָס וואָר איר טוט יעצט, צו עפענען און זעהן וואָס עס טוט זיך אין 'סעיף', וואָלטן זיי אייך באַשאָסן אויפ'ן אָרט רח"ל, און נאָר אין זכות פון שבת, זענט איר געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט לחיים טובים ולשלום...

דער בעל העובדא גיט צו, אַז יענע וואָך איז די ווערד פון גאָלד געשטיגן פילפאַכיג, מער ווי דאָפּלט, און די ברידער האָבן אַלעס פאַרקויפט, און פאַרמאַכט דאָס געשעפט, נישט וועלנדיג זיין מער אין אַזאַ געגנט.

מיר ווילן צוגעבן: אָפט מאָל קלינגט דער טעלעפאָן אינמיטן דאַווענען אָדער אינמיטן לערנען, און דער מענטש טראַכט ביי זיך, ווי איז מיר אויב איך וועל נישט ענטפערן, איך וועל דאָך שאָדן האָבן אַ סאַך געלט. די באַנק וועט צוריקשיקן דעם טשעק, און אַזוי ווייטער. ער ווייסט נישט אַז דער וואָס רופט איהם פון די אַנדערע זייט טרייבל, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער שליח פונעם "גנב" בכבודו ובעצמו, און דער גאַנצער ציל איז נאָר איהם צו ברענגען אַ שאָדן. אַדרבה, אויב ער וועט איהם איגנאָרירן און ער וועט פאָרזעצן דאַווענען און לערנען, וועט ער געראַטעוועט ווערן, ער און זיין פאַרמעגן!

אין דעם ענין, איז כדאי נאָכצוזאָגן דאָ וואָס עס שרייבט דער רבינו בחיי אין פרשת יתרו (שמות יח, יט) "לא תעשון אתי אלוהי כסף ואלוהי זהב לא תעשון לכם": "ווען איר שטייט און דאַוונט צו מיר, זאָלט איר נישט טראַכטן וועגן דעם זילבער און גאָלד וואָס איר האָט, ווייל אויב איר וועט יאָ אַזוי טוהן, וועט דער אויבערשטער אייך רעכענען ווי איר וואָלט ח"ו געמאַכט אַן אָפּגאָט פון זילבער און פון גאָלד", עכ"ל.

די ספרים זאָגן אויפ'ן פסוק (תהלים קד, כא) "הכפירים שואגים לטרף ולבקש מא-ל אכלם". "שאגה" איז אַ שטאַרקערע פּעולה ווי "בקשה". איז דער פסוק מרמז, אַז ווען ס'קומט מתפלל זיין צום אויבערשטען ("ולבקש מא-ל אכלם") איז מען נאָר אַ "מבקש" - מיט אַ ווייכע שפּראַך, אָבער ווען מ'טוט אַ השתדלות, שרייט דער מענטש. וועגן דעם זאָגט דער פסוק "הכפירים שואגים לטרף" - טאָג און נאַכט מיט'ן טעלעפאָן און מיט'ן "פּלאַפון"... ער קריגט זיך מיט די גאַנצע וועלט, פאַר אַ פּאָר דאָלאַר. אַזאַ איינער קען נישט באַצייכנט ווערן מיט'ן טיטול "מענטש", נאָר ער איז ווי די "כפירים" - די חיות אויפ'ן פעלד...

דער "מאור ושמש" ברענגט (אַנהייב פרשת המן) אין נאָמען פון הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע, אַז כאָטש דער פסוק זאָגט "וברכתיך בכל אשר תעשה", איז אבער גענוג צו מאַכן מיט'ן מויל, ווייל "עקימת שפתים הוי מעשה"

און עס איז אין כלל פון זייער קצבה, און וועגן דעם, ווען עס פאַסירט זיי אַ געלט שאָדן באַקלאָגן זיי זיך דערויף. באמת, איז אָבער מעגליך אַז טראָץ דעם וואָס דאָס געלט איז אָנגעקומען צו איהם, איז עס נישט געווען פון זיין באַשטימטע קצבה, און וועגן דעם, ווען עס איז געקומען די צייט, איז דאָס געלט פאַרלוירן געגאַנגען. און אויב אַלע מענטשן וואָלטן געגלייבט דעריין, וואָלט מען נישט געדאַרפט פירן קיין דין תורה'ס כדי אויסצוגלייכן סכסוכים צווישן מענטשן, ווייל זיי וואָלטן נישט געהאַט אַ תביעה פון געלט, און מ'וואָלט נישט געלייקנט אַ תביעה, וויבאַלד מ'וואָלט געוואוסט אַז מ'קען סיי-ווי נישט צולייגן אָדער אַראָפּנעמען פון די באַשטימטע סכום געלט.

**נאָר** פאַרוואס דען רעדט די תורה גאַנץ הלכות נזיקין, טוען ונטען, א.א.וו.?! דאָס איז בלויז אַנטקעגן דעם יצר הרע וואָס פאַרבלענדט די אויגן פונעם מענטש און פאַרנאַרט איהם ער זאָל וועלן נאָכגיין נאָך די תאווה פון געלט, צו טראַכטן אַז יענער האָט איהם גורם געווען אַ שאָדן.

**שרייבט** דער "עמוד העבודה" ווייטער, אַז אין ספר "עשרה מאמרות" פונעם רמ"ע מפאנו זי"ע (מאמר חיקור הדין, ח"ד, פ"ט) ווערט געברענגט, אַז אַלע מצוות פון דער תורה רעדן בלשון עתיד. צום ביישפיל, דער פסוק (ויקרא ג, יז) "כל חלב וכל דם לא תאכלו", איר זאָלט נישט עסן פעטס און בלוט. אבער עס ווערט אויך געטייטשט אַז איר "וועט נישט" עסן בלוט און פעטס, און די זעלבע ביי די אַנדערע מצוות פון דער תורה. דער אויבערשטער האָפט פאַר אונז, אַז מיר וועלן נישט עסן וואָס מ'טאָר נישט, און בכלל, וועלן מיר נישט זינדיגן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווי אַזוי קען מען דאָס טייטשן אויף די לאווין פון "לא תגנוב" און "לא תגזול"? מיר זעהען דאָך ליידער אַז מענטשן גנב'ענען און גזל'ענען פון אַנדערע מענטשן?

**איז** דער תירוץ, אַז ווען ראובן גזל'ט 1,000 דאָלאַר ביי שמעון, זעהט דאָך אויס אויבנאויף, ווי ראובן האָט "פאַרדינט" 1,000 דאָלאַר, און שמעון האָט עס שאָדן געהאַט. באמת, איז עס אָבער אַ טעות, ווייל אויב ראובן וואָלט נישט גע'גזל'ט דאָס געלט, וואָלט ער פאַרדינט דעם זעלבן סכום בהיתר, און יעצט, אַז ער האָט צוגענומען פון שמעון טויזנט דאָלאַר, וועט דער אויבערשטער נישט געבן צו איהם די טויזנט דאָלאַר, נאָר פאַר שמעון, כדי משלים צו זיין פאַר שמעון דעם שאָדן וואָס ער האָט געהאַט.

**קומט** אויס, אַז ווען ראובן גזל'ט ביי שמעון טויזנט דאָלאַר, נעמט ער גאָרנישט פון שמעון. ער נעמט נאָר פון זיך אַליין, פון דעם וואָס איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן פון הימל.

**דאָס** איז די כוונה פון "לא תגנוב", און פון "לא תגזול", אַז עס איז קיינמאָל נישט שייך אַ "גניבה" אויף דער וועלט, ווייל דער גנב מיינט דאָך אַז ער האָט פאַרדינט מיט זיין גניבה, אָבער באמת האָט ער צוגענומען זיין אייגענעם חלק. פון דער אַנדערער זייט, דער באַ'גנב'עטער, אויב דאָס געלט איז געווען זיינס, וועט דער אויבערשטער עס איהם צוריקגעבן פון אַ אַנדערע פלאַץ, און אויב דאָס געלט איז נישט געווען באַשטימט פאַר איהם, וואָלט ער עס סיי-ווי פאַרלוירן - אויב נישט דורך די דאָזיגע גניבה, וואָלט דער פאַרלוסט געקומען פון אַן אַנדערן אָרט[ג].

---

(סנהדרין סה.), דאָס דרייען מיט די ליפּן איז אויך אַ מעשה. איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך לגבי געבן מלקות פסק'ענט מען אַז "עקימת שפתים" הייסט אַ "מעשה", איז דאָך אַוודאי געוויס, "מרובה מדה טובה", ווען דער מענטש דאַווענט צום באַשעפער, ווערט עס גערעכנט ווי אַ מעשה, אַז מ'זאָל ערפילן אין הימל זיין בקשה.

**ג.** דער "עמוד העבודה" זאָגט דאָרט אַ כוונה אין די ווערטער פון די חז"ל (ביצה טז.) "כל מזונותיו של אדם קצובים וכו' חוץ מהוצאת בניו לתלמוד תורה", אַז די הוצאות פון שיקן די קינדער לערנען אין ישיבה, זענען נישט אַריינגערעכנט אין דעם סכום וואָס מ'האָט באַשטימט פאַר'ן מענטש ראש השנה.

זאָגט דער "עמוד העבודה", אַז יעדער איינער האָט דאָך זיין פרנסה באַשטימט פון ראש השנה, און דער שכר לימוד וואָס דער טאַטע צאָלט צו לערנען מיט זיין קינד, איז פונעם געלט וואָס איז באַשטימט פאַר דעם מלמד, נאָר דער אויבערשטער גיט דאָס געלט צום קינד'ס פאָטער, אַז ער זאָל דאָס געבן פאַר'ן מלמד. מצד דעם דין,

**יצא לחפשי - דער אויבערשטער שיקט דיר אַ נסיון נאָר אויב דו קענסט עס בייזשטיין**

**כי** תקנה עבד עברי, שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם. אם בגפו יבוא בגפו יצא, אם בעל אשה הוא ויצאה אשתו עמו. זאָגט רש"י, "אם בגפו יבוא, שלא היה נשוי אשה וכו', בגפו יצא - מגיד שאם לא היה נשוי מתחילה, אין רבו מוסר לו שפחה כנענית". אויב ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט, געבט איהם נישט זיין האַר אַ שפחה כנענית.

**פרעגט** דער "אור החיים" הקדוש, פאַרוואָס איז אַ חילוק צו דער עבד האָט שוין געהאַט אַ ווייב אָדער נישט?

**ענטפערט** דער "אור החיים" הקדוש, אַז אויב דער האַר וואָלט איהם געגעבן אַ גוי'שע דינסט, אפילו אויב ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט מיט אַ אידישע פרוי, וואָלט דער קנעכט נישט געוואָלט אַרויסגיין פריי נאָך זעקס יאָר אַלס קנעכט, נאָר ער וואָלט געזאָגט אַז ער וויל בלייבן מיט זיין משפחה. און אפילו אויב ער וועט יאָ אַרויסגיין פריי, וועט ער בלייבן אַליין (אָן משפחה), און וויבאַלד דער רצון פונעם אויבערשטען איז געווען אַז דער קנעכט זאָל נישט בלייבן שטענדיג אַ קנעכט ביים האַר, האָט דער אויבערשטער באַפוילן אַז מ'זאָל איהם נישט געבן אַ גוי'שע דינסט, נאָר אויב ער האָט שוין חתונה געהאַט, ווייל דעמאָלטס וועט עס פאַר איהם זיין אַ סאַך לייכטער זיך אָפּצוטיילן פון די שפחה און די קינדער, וויבאַלד ער האָט אַן אייגענע אידישע פרוי, אַ בת חורין (דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט אויפ'ן קנעכט, עס זאָל איהם נישט זיין שווער ווען ער טוט דעם רצון פונעם באַשעפער).

---

טאָר מען דאָך נישט לערנען פאר באצאלט (מ'דאַרף לערנען אומזיסט, "מה אני בחנם, אף אתם בחנם"), און אויב דער מלמד וואָלט געוואָלט לערנען מיט די קינדער אומזיסט, וואָלט דער אויבערשטער געגעבן די געלט וואָס איז איהם באַשטימט צום מלמד אַליין, נאָר וויבאַלד ער וויל נישט לערנען אומזיסט מיט די קינדער, גיט דער אויבערשטער דאָס געלט וואָס איז באַשטימט פאַר דעם מלמד, צום טאַטן פונעם תלמיד.

קומט אויס, אַז ביידע מאַכן דאָ אַ טעות. דער פאָטער פונעם קינד מיינט, אַז ער איז דער וואָס צאָלט שכר לימוד פאַר דעם מלמד. אויך מיינט ער, אַז דורך זיין געבן פאַר'ן מלמד דאָס געלט, פאַרמינערט ער פון זיין אייגענעם פאַרמעגן. דער מלמד, ווידער, מיינט אַז דאָס געלט פונעם בעל הבית איז געוואָרן ווייניגער, ווייל ער האָט איהם געגעבן שכר לימוד. דער צווייטער טעות פונעם מלמד באַשטייט אין דעם וואָס ער באַקומט מער ווי ס'איז געוואָרן באַשטימט פאַר איהם. באמת, מאַכן אָבער ביידע אַ טעות, ווייל דער שכר לימוד איז פונעם געלט וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר'ן מלמד, און דער בעל הבית גיט פאַר'ן מלמד פונעם געלט וואָס איז באַשטימט פאַר דעם מלמד, עכ"ל.

אויך ווען מ'געבט צדקה פאַר אַן אָרימאַן, איז דאָס געלט באמת דעם אָרימאַנ'ס. עס איז באַשטימט געוואָרן פון הימל פאַר איהם, נאָר דער אויבערשטער האָט עס געגעבן פאַר דעם עושר, און ווען דער עושר געבט צדקה פאַר דעם אָרימאַן, פאַרלירט ער גאָרנישט פון זיין אייגן געלט.

עס שטייט אין "ספר חסידים" (סי' תטו) אַז ווען דער אויבערשטער גיט פאַר דעם עושר אַ פאַרמעגן (און דער עושר גיט נישט געלט פאַר אָרימעלייט) קומען די אָרימעלייט און שרייען פאַר דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער רעכנט זיך אָפּ מיט'ן עושר כאילו ער וואָלט באַגנב'עט אַ סאַך אָרימעלייט און ווי ער וואָלט חלילה געלייקנט אין דעם אויבערשטען'ס פקדון, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך איהם געגעבן דאָס פאַרמעגן נאָר כדי ער זאָל עס פאַרטיילן פאַר די אָרימעלייט. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו וואָס עס איז נישט דיינס, פאַר זיך.

דער חיד"א ז"ל, אין זיין ספר "ברית עולם" (אַ פירוש אויף ספר חסידים) גיט צו, אַז די אותיות פאַר'ן וואָרט "כסף", זענען "עני" (ע' פאַר פ', נ' פאַר ס', און י' פאַר דעם אות כ'). דאָס איז אַ רמז, אַז איידער דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר'ן עושר דאָס געלט, האָט ער געטראַכט וועגן דעם "עני". ער האָט געגעבן פאַר'ן רייכן מענטש דאָס געלט פון דעם אָרימאַן, כדי אַז ווען עס וועט קומען די צייט דערפאַר, זאָל דער עושר געבן דאָס געלט פאַר דעם אָרימאַן. אויך דאָס וואָס נאָך דעם וואָרט "עני" קומען די אותיות פון "כסף" איז מרמז, אַז ווען דער עושר גיט צדקה פאַר דעם אָרימאַן, באַקומט ער אַ שפע מיט "כסף" - געלט. דער אויבערשטער וועט איהם געבן נאָך און נאָך געלט.

**הגאון** רבי חיים בריסקער זצ"ל האָט געזאָגט, עס איז אַ גרויסער כלל אַז דער אויבערשטער פּרובט קיינמאָל נישט אויס אַ מענטש, מער ווי ער איז אימשטאַנד בייצושטיין, ווי די חז"ל זאָגן (ע"ז ג.) "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו". אויב מ'וואָלט געקענט איבערגעבן אַ שפחה אויך פאַר אַ קנעכט וואָס איז אַריינגעקומען אַליין, וואָלט עס געווען אַ נסיון העכער פון זיינע כוחות צו טוהן דעם אויבערשטען'ס רצון, און אַרויסגיין פריי. דעריבער איז נישט דאָ אַ מעגליכקייט אַז דער קנעכט זאָל אָנקומען צו אַזאַ שווערן נסיון.

**לויט** דעם, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט אָנגעהויבן מיט'ן דין פון "עבד עברי", באַלד נאָך דעם געהויבענעם און פאַרכטיגן מעמד פון קבלת התורה. עס וואָלט לכאורה געווען מער פּאַסיג אַז פרשת משפטים זאָל זיך אָנהייבן מיט אַ "געהויבענע" מצוה, אַזוי ווי תפילין, וואָס פאַרבינדט דעם איד מיט זיין באַשעפער, אָדער מיט די מצוה פון שבת, וואָס די חז"ל זאָגן אַז עס איז אַ "מתנה טובה" וואָס דער אויבערשטער האָט געשאָנקען פאַר די אידן. פאַרוואָס פאַנגט זיך אָן פרשת משפטים מיט דעם דין פון אַן עבד עברי, אַ מענטש וואָס האָט געזינדיגט, ער האָט גע'גנב'עט און איז פאַרקויפט געוואָרן צוליב זיין גניבה?

**איז** דער תירוץ, אַז די תורה האָט אונז געוואָלט לאָזן הערן, זעהט נאָר ווי דער אויבערשטער שטעלט נישט דעם מענטש אונטער אַ נסיון וואָס ער קען נישט ביישטיין. ער רוקט קיינמאָל נישט אונטער אַזאַ ווירקליכקייט פאַר'ן מענטש. פון דעם קען מען זעהן אַז דער מענטש איז ביכולת צו מקיים זיין די גאַנצע תורה, ווייל אויב נישט, וואָלט דער אויבערשטער נישט באַפוילן צו היטן די תורה[ד].

**דאָס** איז אויך אַ גוטע טענה קעגן דעם יצר הרע, וואָס פּרובירט צו איבעררעדן דעם מענטש און איהם אָפּשוואַכן אַז ער וועט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון און אָפּהיטן די גאַנצע תורה. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע טענה, ווייל מיר זענען אַוודאי בכח צו שטאַרקן זיך אויף אַלע איבעררעדענישן פונעם יצר הרע[ה]!

---

**ד.** דאָס לערנען מיר אויך פון דער פרשה פון שקלים, וואָס מיר וועלן אי"ה לייענען היינטיגן שבת. דער מדרש זאָגט (במדב"ר פי"ב, ג) אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה (שמות ל, יב) "ונתנו איש כופר נפשו", האָט משה זיך דערשראָקן און געפרעגט דעם אויבערשטען, "מי יוכל ליתן כופר נפשו"? ווער קען דען געבן כופר נפש פאַר זיך? דער פסוק זאָגט דאָך (איוב ב, ד) "עור בעד עור, וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו", אַלעס וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, איז ער גרייט צו געבן פאַר זיין לעבן, און עס וועט נאָך אַלץ נישט זיין גענוג, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מט, ח-ט) "אח לא פדה יפדה איש, יתן לאלקים כפרו ויקר פדיון נפשו". האָט דער אויבערשטער געענטפערט משה'ן, "איך בעט נישט לויט מיין כוח, נאָר לויט זייערע מעגליכקייטן". "זה יתנו" - זאָלן זיי געבן וויפיל זיי קענען געבן.

**ה.** די ספרים ברענגען אַראָפּ אַן ענטפער אויף די טענה פונעם יצר הרע, אַז דער מענטש איז שוין "טויט" ח"ו, און ער האָט ח"ו נישט די מעגליכקייט זיך אויפצוהייבן פון זיין נידעריגן מצב. ווען מ'זעהט ווי אַ מענטש שלאָגט אַ צווייטן מיט שטאַרקע קלעפּ, כמעט ביז'ן טויט ח"ו, ווי אַזוי ווייסט מען אויב דער געשלאָגענער לעבט נאָך? איז דער תירוץ, אַזוי לאַנג ווי מ'זעהט אַז דער שלעגער שלאָגט נאָך, איז אַ סימן אַז ער לעבט נאָך. ווען נישט, וואָלט ער דאָך אויפגעהערט צו געבן איהם אַכזריות'דיגע קלעפּ... מ'שלאָגט דאָך נישט אַ טויטן מענטש, נאָר אַ לעבעדיגן...

דאָס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע. די עצם זאַך וואָס דער יצר הרע פּרובירט מאַכן דעם מענטש זינדיגן, איז די בעסטע ראיה אַז ער "לעבט נאָך", און די גאַנצע התגברות היצר האָט אַ גרויסע חשיבות, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז "למתים חפשי", אַ טויטער האָט שוין נישט קיין נסיונות...

איינע פון די טענות פונעם יצר הרע אָפּצושוואַכן דעם מענטש, איז אויך די טענה אַז וויבאַלד ער איז שטענדיג פאַרנומען "על המחיה ועל הכלכלה", און איז נישט זוכה צו זיין אַ "יושב אהלים", צו לערנען תורה אַ גאַנצן טאָג, איז ער נישט מער ווי "אַ פשוט'ער בעל הבית", אָבער אויף דעם זאָגן אויך די חז"ל (ע"ז ג.) "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו". אויב דער באַשעפער האָט געוואָלט אַז דער מענטש זאָל האַנדלען און אַרבעטן פאַר פרנסה, איז אַ סימן אַז דאָס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט, און דווקא פון דאָרט קען ער זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען, נישט ווייניגער ווי דער מענטש וואָס לערנט און דאַווענט. אויב ער פירט זיך ביים האַנדלען אַזוי

**וועגן** דעם ענין אַז דער אויבערשטער ברענגט נישט אַריין דעם מענטש אין אַ מצב וואָס ער קען זיך חלילה נישט אויפהייבן דערפון, זאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (מובא בס' "שפתי צדיק", פ' אחרי, אות ט') די ווערטער פון דער גמרא (ערכין כט.) "אין עבד עברי נוהג אלא בזמן שהיובל נוהג", דער דין פון אַן עבד עברי גייט אָן נאָר אין אַ צייט ווען עס גייט אָן דער דין פון יובל, אָבער היינטיגער צייטן, ווען עס איז נישט שייך דער דין פון יובל, קען מען נישט קויפן אַ איד פאַר אַ קנעכט.

**זאָגט** דער "חידושי הרי"ם", אַז דאָס איז אַ גרויסער יסוד אין עבודת ה'. דער אויבערשטער ברענגט נישט אַריין דעם מענטש אין אַ מצב וואָס ער זאָל חלילה נישט קענען אַרויסגיין דערפון, און וויבאַלד היינטיגע צייטן, ווען עס איז נישט דאָ דער דין פון יובל, קען דער קנעכט נישט באַפרייט ווערן, האָט מען איהם פון הימל לכתחילה נישט צוגעברענגט צו אַ מצב פון "קנעכטשאַפט", נאָר אויב ער קען אַרויסגיין פריי אין יובל. זעהט מען אַז דער אויבערשטער האָט לכתחילה צוגעגרייט פאַר'ן מענטש אַ וועג אויסגעלייזט צו ווערן, און נאָר דאַן איז שייך ער זאָל זיין אַן "עבד עברי".

**דאָס** איז גילטיג סיי בגשמיות, ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ צרה ח"ו, דאַרף ער זיך שטאַרקן מיט אמונה, אפילו אין צייט פון די צרה, און דאָס זעלבע

---

ווי אַ איד, און ער טוט דעם רצון הבורא, ער האַנדלט באמונה און מיט יושר, און מיידט אויס אויסצונאַרן אַ צווייטן ח"ו מיט געלט.

אַזוי טייטשט דער משגיח הגה"צ רבי אלי' לאָפּיאַן זצ"ל (מובא בס' "משחת שמן", ע' רע"ד), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כב, ז) "ונקרב בעל הבית אל האלקים אם לא שלח ידו במלאכת רעהו" (וואָס דער פשוט'ער פשט אין פסוק איז, דער מענטש זאָל שווערן אַז ער האָט נישט שולח-יד געווען אין זיין חבר'ס פקדון). זאָגט רבי אלי' לאָפּיאַן, דער "בעל הבית" וואָס האַנדלט אָדער אַרבעט פאַר פרנסה, קען אויך ווערן נענטער צו דעם אויבערשטען ("ונקרב בעל הבית אל האלקים"), אָבער פאַר דעם, איז דאָ איין תנאי: "אם לא שלח ידו במלאכת רעהו" - אויב ער האָט נישט צוגעריהרט צו אַ צווייטן'ס געלט שלא כדין. אָבער אויב ער פירט זיך ערליך, און האַנדלט מיט אַנדערע מענטשן אויף אַ ישרות'דיגן אופן, קען ער זיך אויפהייבן צום באַשעפער, אויך מיט זיין "פשוט'ע מעשים"...

די בעלי המוסר זאָגן אויף די ווערטער פון חז"ל ביי די מצוה פון מחצית השקל (וואָס רש"י ברענגט אַראָפּ אָנהייב פרשת כי תשא) אויף דעם פסוק (שמות ל, יג) "זה יתנו", האָט רבי מאיר געזאָגט, דער אויבערשטער האָט גענומען אַזוי ווי אַ מטבע פון פייער פון אונטער דעם כסא הכבוד, און עס געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה, און איהם געזאָגט: "כזה יתנו". זאָגט דער אַלטער פון נאַוואַרדאָק זצ"ל, אַז פאַר משה רבינו ע"ה איז שווער געווען, ווי אַזוי קען די "מטבע" פונעם מענטש זיין ריין פון יעדן חשש גזל, אויף אַזוי ווייט אַז מ'זאָל עס קענען ברענגען אַלס "מחצית השקל" פאַר נדבת המשכן? אויף דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה אַ מטבע פון פייער, איהם צו לערנען, אַז דער ריכטיגער וועג איז, דער מענטש זאָל נעמען אויף זיך צו אַנטלויפן פון געלט וואָס געהערט צו אַ צווייטן מענטש, אַזוי ווי פון פייער ("מטבע של אש"). דער מענטש וואָס פירט זיך אויף אַזאַ אופן, איז זיין געלט זוכה צו ווערן אַ "שקל הקודש" - אַ הייליגער שקל.

**ו.** דער אויבערשטער שיקט נישט אויפ'ן מענטש יסורים ח"ו, נאָר אויב ער קען עס אויסהאַלטן. אַזוי זאָגט רש"י אויפ'ן פסוק (תהלים קמז, יז) "משליך קרחו כפתים". ברענגט רש"י פון מדרש, "כפתים - הכל לפי משא הבריות. העני, לפי חוסר מלבושיו, מיקל עליו". אַלעס ווענדט זיך וויפיל דער מענטש קען אויסהאַלטן. דער אויבערשטער ברענגט קעלט, נאָר וויפיל דער אָרימאַן וואָס טראָגט דינע קליידער, קען אויסהאַלטן די קעלט. אָבער אויב דער אָרימאַן האָט נישט קיין קליידער זיך אָנצוטוען, ברענגט נישט דער אויבערשטער די פראָסט.

אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט אויף דעם פריערדיגן פסוק (שם שם טז) "הנותן שלג כצמר", דער אויבערשטער גיט שניי "כצמר", לויט וויפיל וואָל דער מענטש האָט. דער אויבערשטער ברענגט קיינמאָל נישט אויפ'ן מענטש אַ זאַך וואָס ער קען עס נישט איבערטראָגן.

מ'דערציילט אַז אַ בחור וואָס האָט זיך געדרייט אין בית מדרש פון הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, האָט אַמאָל באַקומען אַ בריוו וואו מ'מעלדט איהם אַז זיין מאמע איז אַוועק פון דער וועלט רח"ל. לייענענדיג דעם בריוו, האָט דער בחור גע'חלש'ט. ווען מ'האָט איהם דערמונטערט פון זיין חלשות, האָט דער רבי ר' זושא

איז אויך ברוחניות. אויב דער מענטש זעהט אַז דער יצר הרע שטאַרקט זיך אויף איהם, איז עס אַ סימן אַז ער איז בכח צו האַלטן מלחמה קעגן דעם יצר הרע, ווייל אויב נישט, וואָלט מען איהם נישט אויסגעפּרובט פון הימל. אדרבה, דער גאַנצער נסיון איז נאָר כדי איהם אויפצוהייבן און צוברענגען צו אַ הויכע מדריגה.

**לויט** דעם, זאָגט דער "חידושי הרי"ם" אויך (ליקוטי הרי"ם, כתובות) אויף די ווערטער פון חז"ל (כתובות לג:), אַז אויב נבוכדנאצר'ס מענטשן וואָלטן געשלאָגן חנניה, מישאל און עזריה, וואָלטן זיי זיך ח"ו געבוקט צום צלם. דאַרפן מען פאַרשטיין, צו דען האָבן די הייליגע חכמים געזוכט צו רעדן שלעכטס אויף די הייליגע צדיקים, חנניה, מישאל, און עזריה?

**ענטפערט** דער "חידושי הרי"ם", אַז דאָס לערנט אונז דעם דערמאַנטן יסוד, אַז דער אויבערשטער פּרובט נישט דעם מענטש מיט נסיונות וואָס ער קען זיי נישט ביישטיין, און ווײַבאַלד אויב מ'וואָלט געשלאָגן חנניה, מישאל און עזריה, וואָלטן זיי נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע קלעפּ, האָט מען זיי טאַקע נישט געשלאָגן. פון דעם לערנט מען, אַז אַ סאַך וואָס מ'פּרובט אויס דערמיט דעם מענטש פון הימל, איז אַ סימן אַז ער איז בכח עס אויסצוהאַלטן.

### את העני עמך - ברענגען רחמנות אויף זיך דורך זיך אַריינלייגן אינעם אָרימאַן'ס מצב

**אם** כסף תלוה את עמי, את העני עמך (כב, כד). די ספרים זאָגן, אַז די ווערטער "את העני עמך", קומען צו לערנען, ווען עס שטייט פאַר דיר אַן אָרימאַן און ער בעט ביי דיר אַ הלוואה אָדער אַ נדבה, זאָלסטו זיך "אַריינלייגן" אין זיין מצב. דו זאָלסט זיך פאַרשטעלן

---

געזאָגט צו דעם בחור, "ס'איז אַ טעות... דיין מוטער לעבט נאָך!". עטליכע טעג שפּעטער, איז טאַקע געקומען אַ שליח פונעם פּאָסט אַמט, און געזאָגט אַז ס'איז געווען אַ טעות, און דער בריוו מיט די נישט גוטע בשורה רח"ל איז באמת געווען אַדרעסירט פאַר אַ צווייטן.

אַ האַלב יאָר שפּעטער, האָט דער בחור נאָך אַמאָל באַקומען אַן ענליכע מעלדונג, אַז זיין מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע. דאָס מאָל, האָט דער בחור שוין אָנגענומען די ידיעה רוהיגערהייט. האָט דער רבי ר' זושא איהם באַפוילן זאָפאָרט אַהיימצופאָרן, ווייל דאָס מאָל איז די ידיעה ליידער אַ ריכטיגע.

שפּעטער האָט דער רבי ר' זושא מסביר געווען, אַז ער האָט דאָ נישט געהאַט "רוח הקודש", נאָר דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט געזעהן אַז דער בחור קען נישט אויסהאַלטן די שווערע בשורה, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָ איז געווען אַ טעות, ווייל צוזאַמען מיט די שוועריגקייטן און נסיונות, גיט מען פאַר דעם מענטש די כוחות הנפש ער זאָל קענען אויסהאַלטן די צרה, און ווײַבאַלד ער האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן, האָט דער רבי ר' זושא פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט זיין צרה, נאָר די צרה פון אַ צווייטן מענטש (וואָס האָט יאָ די כוחות הנפש עס אויסצוהאַלטן), אַזוי ווי עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט שפּעטער. אָבער ווען עס איז אָנגעקומען דער צווייטער בריוו, און דער רבי ר' זושא האָט געזעהן אַז דער בחור פאַרלירט נישט דעם גלייכגעוויכט ביים הערן די בשורה, האָט ער פאַרשטאַנען דערפון, אַז דאָס מאָל איז עס ליידער יאָ ריכטיג, נאָר מ'האָט איהם געגעבן פון הימל די כוחות אויסצוהאַלטן די צרה, און דערפאַר האָט ער איהם באַלד אַהיים געשיקט.

ענליך האָט דערציילט הגה"ח רבי זלמן בריזעל זצ"ל, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ רייכן איד, אַ חסיד פון הרה"ק רבי ישראל מסטאָלין זי"ע, באַקאַנט אַלס "דער ינוקא". דער חסיד האָט אַמאָל באַקומען אַ מעלדונג אַז איינע פון זיינע שיפן, וואָס איז געווען פול מיט אַ סאַך טייערע סחורה, גאָלד און זילבער, איז דערטרינקען געוואָרן אויפ'ן ים. ביים הערן די נייעס, האָט דער עושר גע'חלש'ט און איז געווען נוטה למות ח"ו, נישט קענען איבערטראָגן די צרה. ווען דער סטאָלינער רבי, דער "ינוקא", האָט געהערט דערפון, האָט ער געשיקט זאָגן פאַר דעם חסיד אַז די שמועה איז פאַלש. עטליכע שעה שפּעטער האָט ער טאַקע באַקומען אַ מעלדונג, אַז די שיף וואָס איז דערטרינקען געוואָרן אויפ'ן ים האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערן.

האָט דער "ינוקא" געזאָגט, אַז דאָס איז נישט געווען אַ "רוח הקודש" פון זיין זייט, נאָר ווען ער האָט געזעהן אַז דער חסיד פאַרמאָגט נישט די נויטיגע כוחות הנפש איבערצוטראָגן די שווערע בשורה, האָט ער פאַרשטאַנען אַז די שיף איז נישט זיינס, ווייל מ'פּרובט נישט אויס אַ מענטש אויב ער האָט נישט פון פריער דעם שטאַרקן כוח בייצושטיין דעם שווערן נסיון.

ווי דו אַליין וואָלסט חלילה געדאַרפט אָנקומען צו אַנדערע מענטשן. אויף דעם זאָגט דער פסוק: "את העני עמך". דער אָרימאַן זאָל זיין "מיט דיר", אין דיינע געדאַנקען, און אינעם פנימיות פון דיין האַרץ[ז]. דאַן וועסטו זיכער עפענען דיין האַנט און דיין האַרץ צו העלפן דעם אָרימאַן[ח].

לויט דעם זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס פרשת משפטים איז געשטעלט געוואָרן נאָך פרשת יתרו, די פרשה פון קבלת התורה, ווייל פונקט ווי די תורה וואָרנט אָן נישט צו פאַרגעסן דעם מעמד הר סיני, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, ט) "רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך", דער מענטש דאַרף שטענדיג האַלטן פאַר זיינע אויגן די קולות און לפידים וואָס זענען געווען ביי מתן תורה, אַזוי דאַרף מען שטענדיג אויך געדענקען מקיים צו זיין די מצוות שבין אדם לחבירו, מ'זאָל אייביג האַלטן פאַר די אויגן אַ צווייטן, און זיינע באַדערפענישן.

**דער** הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, זאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (יבמות סג.) אַז ווען איינער באַרגט אַ סלע פאַר דעם אָרימאַן "בשעת דחקו" - אין זיין נויט, זאָגט אויף איהם דער פסוק (ישעיה נח, ט) "אז תקרא וה' יענה תשווע ויאמר הנני". זאָגט דער רבי ר' מענדעלע, אַז "בשעת דחקו" - אין

---

**ז.** הרה"ק רבי יחיאל יהושע מביאלא זי"ע, בעל "חלקת יהושע", האָט געזאָגט, דאָס וואָרט "חסיד" איז די אותיות "חסד" - יו"ד. ווייל איינער וואָס טוט חסד מיט אַ איד, איז דער ריכטיגער חסיד.

ווי באַקאַנט, האָט דער שינאָווער רב זי"ע אָנגעהויבן פירן אַן עדה נאָך בחיי אביו, דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע (ער האָט געהאַט ענין דעם אַ העכערן ענין). אַמאָל האָט אַ איד אַ איד אויסגעלויבט פאַר'ן צאַנזער רב זיין זון, דעם שינאָווער רב, אַז ער האָט זיך איבערצייגט אין זיין גאונות. האָט דער "דברי חיים" געזאָגט: "נו, פאַר דעם פאַרדינט ער דעם טיטל 'גאון'. דאָס מאַכט איהם נאָך נישט פאַר אַ רבי".

האָט דער איד ווייטער דערציילט פאַר'ן צאַנזער רב וועגן די גרויסע עבודה פון שינאָווער רב, זיינע התלהבות'דיגע תפילות און סיגופים וואָס ער פראַוועט, אָבער אויך אויף דעם האָט דער צאַנזער רב געזאָגט: "פאַר דעם, איז ער ראוי גערופן צו ווערן אַ 'צדיק' אָדער אַ 'קדוש'. דאָס פאַרוואַנדלט איהם נאָך נישט אין אַ רבי'ן". צום סוף האָט יענער איד געזאָגט, אַז אַמאָל ווינטער, ווען עס איז געווען קאַלט אינדרויסן און עס האָט שטאַרק געשנייט, האָט דער שינאָווער רב, גייענדיג אויף דער גאַס, באַמערקט אַן אָרימאַן וואָס ציטערט פון קעלט, נישט האָבנדיג אַ מאַנטל אָנצוטוהן, האָט דער שינאָווער רב אויסגעטוהן זיין פעלץ, און אַוועקגעגעבן פאַר דעם איד, און ער אַליין, איז געבליבן אָן אַ מאַנטל זיך אָנצוואַרימען. הערנדיג דאָס, האָט דער הייליגער צאַנזער רב געזאָגט:

- אָה, אויב אַזוי, איז ער טאַקע 'ראוי לאותה איצטלא', צו ווערן באַצייכנט אַלס "רבי"... דאָס איז די מעלה פון אַ מנהיג ישראל, אַז ער גיט אַוועק אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט פאַר אַ צווייטן, און לאָזט גאָרנישט איבער פאַר זיך.

הרה"ק רבי חיים חייקל זי"ע פון האַמדורא, האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ "ברית מלח" - אַ בונד פון זאַלץ, מיט די אידן (עי' במדבר יח, יט), ווייל די טבע פון זאַלץ איז, אַז עס גיט אַריין אַ טעם אין אַנדערע מאכלים, אָבער דער זאַלץ אַליין בלייבט געזאַלצן. ער ווערט נישט בעסער פון דעם וואָס ער גיט אַריין אַ טעם אינעם מאכל. אַזוי איז אויך די עבודה פון יעדן איד, צו געבן פון זיך פאַר אַן אַנדערן, כאָטש ער אַליין "פאַרדינט" גאָרנישט דערפון אויבנאויף. דער גאַנצער מהות פון זיין לעבן דאַרף זיין צו טוהן גוטס מיט אַנדערע, און אַוודאי געוויס אַז ער דאַרף אַכטונג געבן אויף זייער כבוד, נישט מצער צו זיין נאָר אָפּגעבן כבוד פאַר יעדן איינעם, אַזוי ווי עס פאַסט פאַר קינדער פון אַ קעניג.

**ח.** אַ איד וואָס פירט אָן אַ גמילות חסדים קאַסע, האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי מאיר בראַנסדאָרפער זצ"ל, בעל "קנה בושם" וחבר הבד"ץ אין ירושלים, צו ער איז מחויב צו פאַרלענגערן די צייט פון באַצאָלן די הלוואות ווען דער לוה בעט אַ פאַרלענגערונג, וואָס לכאורה איז עס נישט אין כלל פון די מצוה פון "אם כסף תלוה את עמי" (און דער מנהל פון דעם גמ"ח, וויל דאָך מקיים זיין די מצוה דורך געבן נייע הלוואות פאַר אַנדערע מענטשן). האָט רבי מאיר בראַנסדאָרפער איהם געענטפערט: "די ערשטע זאַך, איז דאָס האַרץ". ער האָט געמיינט צו זאָגן, דו זאָלסט נישט מאַכן פלפולים צו ביי דעם איז דאָ די מצוה פון הלוואה אָדער נישט, נאָר באַטראַכט זיך אַז מיט'ן אָפּשטופן דעם זמן פונעם פרעון, האָסטו ממש דערקוויקט דאָס האַרץ פונעם לוה.

זיין נויט - גייט אַרויף אויפ'ן מלוה. אויב דער מלוה געפינט זיך אויך אין אַן ענגן מצב מיט געלט, און פונדעסטוועגן, העלפט ער דעם אָרימאַן, איז ער מעורר אויף זיך דאָס רחמנות פון דעם אויבערשטען, און עס ווערט מקויים ביי איהם, "אז תקרא וה' יענה".

**לויט** דעם, איז די כוונה פון פסוק, "אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך", אויב דו ביזט אויך אַן אָרימאַן ("העני עמך"), און פונדעסטוועגן באָרגסטו געלט פאַר אַ איד אַ נצרך[ט], וועט די מצוה דיך שיצן אַז מ'זאָל רחמנות האָבן אויף דיר פון הימל.

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, פלעגט זאָגן, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן נאָר וועגן באָרגן געלט בגשמיות, נאָר אַזוי איז אויך ברוחניות. אויב דער מענטש דאַרף אַליין אַ ישועה ברוחניות, און פונדעסטוועגן דערמוטיגט ער אַנדערע מענטשן, איז ער אויך אין כלל פון "מלוה לעני בשעת דחקו".

### לא תענון - נזהר זיין אין דיין חבר'ס כבוד, אפילו ווען די ביסט געערעכט

**כל** אלמנה[א] ויתום לא תענון (כב, כא). זאָגט רש"י, "הוא הדין לכל אדם, אלא שדיבר הכתוב בהווה, לפי שהם תשושי כח ומצוי להנותם". באמת טאָר מען נישט גורם זיין אַ צער פאַר קיין שום מענטש, נאָר די

---

**ט.** הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, דער משגיח פון דער פאניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט זיך געפירט צו מאַכן קידוש שבת, אויף אַ קליינעם בעכער (וואָס שטימט מיט די שיטה פון הגאון רבי אברהם חיים נאה זצ"ל), און ער האָט נישט מקפיד געווען אויף די שיטה פונעם "חזון איש", פאַר אַ גרויסן שיעור. נאָך די פטירה פון זיין רעביצין, האָט הרב דעסלער אָנגעהויבן מאַכן קידוש אויף אַ גרעסערן כוס. שפּעטער האָט ער געגבן צו פאַרשטיין פאַר זיינע נאָנטע דעם טעם דערפון: דעם קליינעם בעכער, האָט הרב דעסלער באַקומען אַלס אַ מתנה פון זיין שווער, און לכבודה פון זיין רעביצין, האָט ער געוואָלט מאַכן קידוש דווקא אויפ'ן בעכער וואָס ער האָט באַקומען פון איר פאָטער. ס'איז פאַר איהם געווען וויכטיגער מהדר צו זיין אויף איר כבוד, ווי איידער מהדר צו זיין אויפ'ן שיעור פון דעם כוס...

ענליך דערציילט מען וועגן איינעם פון די געהויבענע חסידים אין טבריא, אַז נאָך דעם ווי זיין רעביצין איז אַוועק פון דער וועלט האָט ער געבעטן זיין אייניקל אַראָפּצונעמען אַ גרויסן שפּיגל פון דער שאַנק, וואו האָט געהאָנגען אַלע יאָרן, און עס האָט איהם שטאַרק געשטערט, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז זיין בני בית האָט הנאה דערפון, אָבער באַלד נאָך איר פטירה האָט ער געבעטן אַראָפּצונעמען דעם שפּיגל.

**י.** אין דעם כלל איז אויך נכלל, דער מענטש וואָס איז צובראָכן פון צרות ל"ע, און פונדעסטוועגן שטאַרקט ער זיך אַרויסצואווייזן אַ פרייליך פנים פאַר אַנדערע, און דערמוטיגן זיי מיט אַ גוט וואָרט. ער שטאַרקט אַנדערע אויך דעמאָלטס ווען עס איז איהם אַליין ענג. וועגן איהם זאָגט דער פסוק, "אז תקרא וה' יענה, תשווע ויאמר הנני".

**יא.** דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל אב"ד בריסק וירושלים, האָט געהאַט גאָר אַ סאַך חומרות ביי די מצות אויף פסח, אָנגעהויבן פון שניידן די ווייץ און עס אָפּהיטן פון יעדן חשש חימוץ. ער פלעגט איבערלאָזן די מעהל אין הויז פון זיין תלמוד, דער גאון רבי אליעזר דן רלב"ג זצ"ל, וועלכער פלעגט האַלטן די מעהל אין זעק, וואָס ער האָט אויפגעהאָנגען אויפ'ן דאַך, אַז קיינער זאָל נישט צורירן דערצו, און ער האָט עס שטענדיג געהאַלטן אַן אויג דערויף.

דער דערמאַנטער רבי אליעזר דן איז נפטר געוואָרן בחייו פון רבי יהושע לייב, און די תלמידים האָבן געזאָגט צו זייער רבי'ן, רבי יהושע לייב, אַז עס איז כדאי אַרויסצונעמען דאָס מעהל און עס לייגן אין אַן אַנדער אָרט, וואו עס קען ווערן בעסער אָפּגעהיטן ווי אין הויז פון רבי אליעזר דן'ס אלמנה. רבי יהושע לייב האָט עס אָפּגעוואָרפן זאָגנדיג:

- די אַלע חומרות, זענען נישט מער ווי אַ 'הידור' (כאָטש די הידורים זענען געווען ווי פייער ביי איהם), אָבער אַלע חומרות האָבן נישט קיין ווערד, אויב צוליב דעם וועט די אלמנה פון רבי אליעזר דן אַרויסלאָזן אַפילו איין קרעכץ! זי וועט טראַכטן ביי זיך, "נישט נאָר וואָס מיין מאַן האָט מיך פאַרלאָזט, נאָר איך בין שוין נישט ווערד צו היטן דעם רבי'ן'ס מעהל!...

תורה זאָגט "אלמנה ויתום" ווייל זיי זענען שוואַך און עס קען זיך מאכן מ'זאָל זיי גרינגער מצער זיין.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "אבן עזרא" אויף די קומענדיגע פסוקים (פסוק כב-כג) "אם ענה תענה אותו, כי אם צעוק יצעק אלי, שמוע אשמע צעקתו. וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתומים". פרעגט דער "אבן עזרא", דער פסוק הייבט אָן מיט אַ לשון יחיד, "אם ענה תענה", און ער ענדיגט מיט אַ לשון רבים: "אתכם", און "נשיכם אלמנות ובניכם יתומים".

**ענטפערט** דער "אבן עזרא", אַז די תורה האָט אונז געוואָלט לערנען, אַז ווען אַ מענטש זעהט ווי אַ צווייטער פייניגט אַ יתום און אַן אלמנה, און ער העלפט זיי נישט אַרויס, ווערט עס פאַר איהם גערעכנט ווי אויך ער וואָלט זיי אליין געפייניגט. "אויב איינער וועט פייניגן (דעם יתום און די אלמנה) און קיינער וועט זיי נישט העלפן, וועלן אַלע אַרומיגע (וואָס האָבן זיך געקענט אָננעמען פאַר זיי, און האָבן עס נישט געטוהן) באַקומען אַ שטראָף, ווייל דער וואָס קען מוחה זיין קעגן דעם מענטש וואָס איז זיי מצער, און ער איז נישט מוחה, אדער ער קען זיי העלפן און ער העלפט זיי נישט, ווערט ער אויך פאַרכאַפּט מיט אַ ביטערע שטראָף ח"ו, גלייך ווי ער אַליין וואָלט זיי געפייניגט, ווייל דער אויבערשטער האָט זייער שטאַרק מקפיד געווען אויפ'ן צער פון די אלמנה און די יתומים"[יב].

**דער** רצון פונעם אויבערשטער איז, אַז דער מענטש זאָל מוותר זיין אויף זיין געלט, און ער זאָל מקיים זיין וואָס די חז"ל זאָגן (שבת קלג:) "מה הוא רחום וחנון, אף אתה רחום וחנון". פונקט ווי דער אויבערשטער איז אַ בעל רחמנות, אַזוי דאַרף דער מענטש זיין רחמנות האָבן אויף יעדן איד, זיך אומצוקוקן אויף איהם אום אויף זיין מצב, און עס זאָל איהם ווי טוהן ווען ער זעהט אַז אַ צווייטער געפינט זיך אין אַ צרה ח"ו. אפילו אויב עס מאכט זיך א סכסך אין געלט, און די ביסט באמת גערעכט, נאָך אלץ ווייל דער אויבערשטער אז די זאָלסט מוותר זיין אויפ'ן געלט עס קומט זיך דיר[יג],

**יב.** אַ מורא'דיגע מעשה, פון וועלכע מ'קען זיך אָפּלערנען ווי ווייט מ'דאַרף זיין געהיטן נישט צו טשעפּען מיט אַנדערע, ווערט געברענגט אין ספר "חוט המשולש" (תולדות פונעם "חתם סופר", און פון זיין שווער דער גאון רבי עקיבא איגר, און פונעם "כתב סופר"), די פאָלגענדע געשיכטע:

דער גאון רבי משה חריף זצ"ל האָט געדינט אַלס רב אין פרעשבורג. ער האָט דאָרט אָנגעפירט די קהילה אין משך פון צענדליגער יאָרן. ווען ער איז געקומען אויף די עלטערן יאָרן, און ער איז מער נישט געווען בכח אָנצופירן מיט אַזאַ גרויסע קהילה ווי פרעשבורג, האָבן די ראשי הקהל געבעטן רבי משה חריף, צו באַשטימען אַ "משנה למלך", וואָס זאָל אָנפירן מיט אַלע רבני'שע אנגעלעגנהייטן אין שטאָט.

רבי משה האָט איינגעשטימט, און מ'האָט באַשטימט אַלס סגן-רב דעם גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל (דער ערשטער מחבר פון "משנת דרבי עקיבא", און אַ זיידע פון באַקאַנטן גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל. אַ צייט שפּעטער, האָבן די טובי הקהל געבעטן רבי עקיבא איגר, ער זאָל האַלטן אַ דרשה אין די גרויסע שול, אָבער דער רב, רבי משה חריף, האָט נישט מסכים געווען דערצו. די טובי הקהל האָבן אָבער אַזוי לאַנג געמיטשעט און געבעטן פון ר' עקיבא איגר צו דרש'ענען פאַר זיי, ביז ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, און האָט געהאַלטן אַ דרשה.

ווען דער רב, רבי משה חריף זצ"ל, איז נסתלק געוואָרן ג' אלול תקי"ח, האָט רבי עקיבא איגר געוואָלט האַלטן אַ הספד, כדין "חכם בפניו", אָבער אינמיטן הספד האָט ער איבערגעריסן און געזאָגט, אַז דער גרויסער נפטר לאָזט איהם נישט ווייטער האַלטן דעם הספד, און ער רופט איהם צו אַ דין תורה פאַר'ן בית דין של מעלה. ער האָט פּרובירט אַ צווייט מאָל צו רעדן, אָבער ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעריסן זיין הספד, און ער האָט מער נישט מספיד געווען. ווען רבי עקיבא אייגער איז אַהיים געקומען, איז ער געוואָרן נישט געזונט ל"ע, און ביז עטליכע טעג (ט"ו אלול) איז ער נסתלק געוואָרן.

זעהט מען פון דעם ווי ווייט מ'דאַרף זיין געוואָרנט אין כבוד הבריות, און "מרובה מדה טובה", ווען מ'איז מכבד אַ צווייטן, איז מען ממשיך אויף זיך גאָר אַ סאַך טובות און ברכות.

**יג.** דער מענטש וואָס איז מוותר, איז נישט נאָר וואָס ער האָט נישט אַ שאָדן דורך דעם וויתור, נאָר ער פאַרדינט נאָך פילפאַכיג.

האט פאסירט אמאל אין אַמעריקע, צוויי אידן אין האָבן זיך משדך געווען למזל"ט. די 2 אידן האָבן אויך געהאַט אַ געשעפט בשותפות. זיי האָבן געהאַט נאָך אַ "שותפות", פאַר אַ דבר מצוה.ביידע האָבן מקרב געווען און אַרויסגעהאָלפן פאַר אַן עלטערן עלנדן איד, אַ מר נפש ל"ע. אין זייער הויז, האָט ער געגעסן און געשלאָפן. אַמאָל איז ער געווען צוגאַסט ביי איין מחותן, און אַמאָל ביים אַנדערן. די שייכות צווישן זיי האָט געשטאַמט פון דעם וואָס זיי האָבן אין די פריערדיגע יאָרן געהאַנדלט מיט דעם איד, און שמועסנדיג האָבן זיי פאַרשטאַנען פון איהם אַז ער איז אַן אוד מוצל מאש, האָבנדיג איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, און ער איז איינזאַם און אַליין אויף דער וועלט, נישט האָבנדיג מיט וועמען אויסטוישן אַ וואָרט. האָבן זיי איהם אָנגעהויבן איינלאַדענען און אַריינעמען צו זיך אין הויז.

דער צובראָכענער איד, איז מיט די צייט געוואָרן אַלץ מער און מער "בן בית" ביי זיי, ביז ער האָט זיך שוין געשפירט גענוג "באַקוועם", צו מאַכן פאַרשידענע "באַמערקונגען", וועגן אַלעם וואָס איז פאַרגעקומען ביי זיי אין הויז. צום ביישפיל: "דעם חפץ, דאַרף מען אַוועקלייגן דאָ, און דעם אַנדערן - נישט...". ווען מ'האָט געקויפט נייע פירהענג צו פאַרדעקן די ווענט, האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג אַז די פירהענג זענען בכלל נישט שיין, און ער וואָלט געווען פאַרגעשלאגן אַז די באַלעבאָסטע זאָל קויפן אַנדערע פירהענג...

למעשה, האָבן די צוויי מחותנים קיינמאָל נישט געמאַכט אַ "שותפות" אויך אויף דעם, אַז זיי דאַרפן הערן זיינע מיינונגען... עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ געוויסן פרייטאָג האָט די באַלעבאָסטע געקויפט אַ קראַנץ ("וואַז") בלומען, און עס אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, אָבער ווען דער איד איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער אַראָפּגענומען די בלומען פון טיש, זאָגנדיג אַז עס מאַכט דאָס הויז אויסזעהן מיאוס...

דאָ האָט שוין געפּלאַצט דאָס געדולד פון די באַלעבאָסטע, און זי האָט - ווי מ'זאָגט - איהם "געשטעלט אויפ'ן פלאַץ", און איהם אָפּען געזאָגט, אַז זיי פרייען זיך טאַקע זייער אַז ער האַלט זיך אויף ביי זיי אין הויז, אָבער זיי מעגן נאָך באַשליסן וועגן אַלעם אין באַצוג צו זייער אייגענע היים... זי האָט דאָס געזאָגט אין אַ טאָן, אַז ער זאָל וויסן און פאַרשטיין ווער ס'איז דאָ דער באַלעבאָס, און ווער ס'איז נישט מער ווי אַ גאַסט מיט וועמען מ'טוט אַ גמילות חסד אַז מ'נעמט איהם אַריין אין שטוב. דער איד איז געוואָרן באַליידיגט פון איר באַמערקונג, און איז אַנטלאָפן פון דאָרט. זינט דעמאָלטס, איז ער איינגעשטאַנען נאָר אין הויז פונעם צווייטן מחותן - דער צווייטער שותף.

ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען און האָט געהערט וואָס דאָ האָט פאַסירט, האָט ער געשיקט שלוחים איבערצובעטן דעם איד. לכתחילה, האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען דעם פיוס, אָבער צום סוף האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטן, און אַלעס איז צוריק צום פריערדיגן. ער פלעגט איינשטיין אין ביידע הייזער, און נאָך מער, "במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"... ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין הויז וואו מ'האָט איהם געטשעפּעט און איבערגעבעטן, נאָך מער ווי ביי דעם אַנדערן "שותף" צו די מצוה - דעם מחותן.

אויך ווען דער עלנדער איד איז געוואָרן עלטער און האָט געדאַרפט אָנקומען צו הילף אויף א טאָג-טעגליכן פאַרנעם, איז ער איינגעשטאַנען אין הויז וואו מ'האָט איהם אמאל געטשעפּעט, און דאָרט איז ער טאַקע אַוועק פון דער וועלט עלנד און אַליין. מ'איז דאָרט אויך געזעסן "שבעה" נאָך איהם.

נאָך זיין פטירה, האָט מען אויסגעפונען אַז ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ "ירושה" פון 6 און האַלב מיליאָן דאָלאַר..! ער האט אויך איבערגעלאזט א צוואה, ווי ער האט געשריבן אַז ער לאָזט איבער דאָס געלט פאַר זיינע צוויי גאַסטגעבער, וואָס האָבן מיט איהם געטוהן אַזוי פיל גוטס, כדי די רעגירונג זאָל נישט וועלן צונעמען זיין געלט (ווי זיי "פירן זיך" ווען עס גייען אַוועק קינדערלאָזע מענטשן ל"ע). דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דער נפטר האָט געשריבן 3 צוואות. איין צוואה האָט ער געשריבן איידער ער איז אַנטלאָפן, אַז יעדער שותף זאָל באַקומען האלב, 3 מיליאָן און 250 טויזנט דאָלאַר. די צווייטע צוואה האָט ער געשריבן אין דער צייט ווען ער האט זיי נישט געוואָלט קענען, דאָרט שרייבט ער, אַז ער גיט פאַר דעם וואָס האָט איהם "מסלק געווען", 1,000 דאָלאַר - נישט אַ פרוטה מער... און די דריטע צוואה, האָט ער געשריבן ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, וואו ער האָט געהייסן געבן דעם זעלבן סכום פאַר ביידע מחותנים, גלייך אויף גלייך פאַר יעדן איינעם פון די צוויי גאַסט-געבער, די דערמאנטע סומע פון 3.25 מיליאָן דאָלאַר. די דריטע צוואה האָט ער איבערגעלאָזט ביי זיין גאַסטגעבער (וואָס זיין בני בית האָט איהם דעמאָלטס געטשעפּעט).

אַלזאָ, ווען אַ ריכטער האָט געדאַרפט באַהאַנדלען די צוואות, און אורטיילן פאַר וועמען עס באַלאַנגט דער גרויסער פאַרמעגן, האָט דער ערשטער געזעהן ווי זיין מחותן ווינקט מיט די אויגן צום אַדוואָקאַט, און יענער פאַרשטייט זיין "שפּראַך", און ער גיט איבער פאַר'ן שופט נאָר די מיטלסטע צוואה, וואו עס שטייט אַז די פאַמיליע וואָס האָט איהם יענעם פרייטאָג באַליידיגט, זאָל באַקומען נאָר 1,000 דאָלאַר... ער איז געוואָרן בלאס און כמעט פארלאזירט צוזעהענדיג אַזאַ גניבה אינמיטן העלן טאָג. טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אַ קאָפּיע פון די דריטע צוואה, און ער האט דאס געוואלט ארויסנעמען און געבן פארן ריכטער, האט ער אָבער געמאכט א שנעלן חשבון אז וויבאַלד דער "שותף" איז דאָך אויך זיין "מחותן", און ער האָט נישט געוואָלט צוברענגען פּראָבלעמען ביי די קינדער - דאָס פאָרפאָלק - האָט ער באַשלאָסן צו שווייגן, און דער ריכטער האָט צוגעטיילט פאַר'ן מחותן דאָס גאַנצע געלט, אַזוי ווי ס'האָט געלויטעט די צווייטע צוואה.

ארויסגייענדיג פונעם געריכט הויז, האט ער געטראַכט אפשר יאָ צו רופן דעם מחותן צו אַ דין תורה ביים בית דין, און ער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. וואָס מער צייט ס'איז פאַרביי געגאַנגען, איז ער געווען אין אַ גרעסערע דילעמע וואָס צו טוהן. איינמאָל ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל אויף אַ שמחה ביי איינע פון זיינע קרובים, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, הגאון בעל "שבט הלוי" זצ"ל, וועלנדיג אַדורכשמועסן דאָס ענין מיט הרב וואָזנער. לכתחילה האָט די רעביצין איהם נישט געוואָלט אַריינלאָזן צום רב, מיט די טענה אַז דער רב לערנט יעצט, אָבער ער האָט איר געזאָגט אַז דאָ האַנדלט זיך אין אַן ענין פון "פיקוח נפש" ממש. האָט די רעביצין איהם אַריינגענומען צום רב, און ער האָט פאָרגעלייגט די שאלה וואָס ער האָט צו טוהן אין אַזאַ צייט. האָט הרב וואָזנער איהם געזאָגט, אַז ער זאָל נישט רופן דעם מחותן אין געריכט, אָבער צו אַ בית דין, קען ער איהם יאָ רופן.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון צימער, האָט ער געטראַכט ביי זיך: דער רב האָט דאָך מיר נישט געזאָגט אַז כ'זאָל איהם טאַקע רופן צו דין תורה, נאָר אַז "איך מעג" איהם רופן... אין יענע מינוט, הערט ער דאָס קול פונעם רבי'ן, אַז ער זאָל צוריקקומען, און הרב וואָזנער זאָגט איהם:

- איך האָב דיר נישט געזאָגט אַז דו דאַרפסט איהם רופן צו דין תורה, נאָר אַז דו 'מעגסט' איהם רופן צו דין תורה... אָבער וויסן זאָלסטו, אַז פאַר אַ וותרנות, צאָלט דער אויבערשטער שכר אויף דער וועלט...

ער האָט טאַקע באַשלאָסן נישט צו רופן יענעם צום בית דין. ער איז אַהיימגעגאַנגען רואיג און פרייליך, האָבנדיג פאַר זיך אַ קלאָרע הוראה וואָס ער האָט צו טוהן, און נאָך מער, ער האָט דערנאָך פאַרברענט די דריטע צוואה וואָס ער האָט געהאַט אין האַנט.

פון יענעם טאָג אָן, האָט דאָס מזל איהם אָנגעהויבן שיינען. וואו ער האָט נאָר צוגעלייגט אַ האַנט, האָט ער פאַרדינט געלט. ער איז אַלץ געוואָרן רייכער און רייכער, ביז ער האָט אַ קורצע צייט דערנאָך, שוין פאַרמאָגט צען מאָל מער ווי די 3.25 מיליאָן דאָלאַר וואָס ער האָט כלומרשט "שאָדן געהאַט" אין די צוואה.

צוואָנציג יאָר שפּעטער, איז ער געווען אין קאַנאַדע, וואו ער האָט געהערט אַז הרב וואָזנער זצ"ל געפינט זיך אין שטאָט, און האַלט זיך אויף אין אַ געוויסן האָטעל. איז ער אַהין געגאַנגען צום רב, און אין דער מינוט ווען דער רב האָט איהם געזעהן, האָט ער זיך אָנגערופן צו איהם:

- נו, כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פאַר אַ וותרנות, באַצאָלט מען פון הימל שכר אויף דער וועלט...

און אָט איז נאָך אַ מעשה, פון וועלכע מיר קענען זעהן וויפיל עס פאַרדינט דער מענטש וואָס איז אַ "מעביר על מדותיו": פאַריאָר, שנת תש"פ, האָט אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון ביתר געמאַכט אַ קידוש לכבוד דעם געבורט פון אַ טאָכטער, 13 יאָר נאָך די חתונה. ער האָט מיר שפּעטער דערציילט די געשיכטע, ווי פאָלגענד:

עטליכע יאָר צוריק, איז פאָרגעקומען אין צפת אַ גרויסע אסיפה פאַר באַקאַנטע עסקנים. אינמיטן די אסיפה, איז עמיצער צוגעגאַנגען צו איינע פון די באַטיליגטע, וועלכער האָט אַ פירנדע פּאָזיציע, און ער האָט איהם זייער פאַרשעמט, ממש אויף אַן אומבאַשרייבליכן אופן. איז צוגעגאַנגען אַ פשוט'ער מענטש צו יענעם עסקן, און איהם געבעטן, ער זאָל יענעם גאָרנישט ענטפערן, נאָר ער זאָל זיך פירן ווי דאָ וואָלט קיין זאַך נישט פּאַסירט. ער האָט איהם אויך געבעטן, "איך האָב אַ ברודער, אַ 'בא בימים', ער איז שוין לאַנג 'רייף' אַ שידוך צו טוהן, אָבער ליידער האָט ער נאָך נישט געטראָפן זיין פּאַסיגן זיווג. בעט איך דיך, אַלזאָ, דו זאָלסט אַוועקשענקען דעם זכות פון דעם וואָס דו האָסט געשוויגן ווען מ'האָט דיך פאַרשעמט, פאַר מיין ברודער...". יענער עסקן האָט זיך טאַקע איינגעהאַלטן פון ענטפערן פאַר יענעם, און ער האָט גאָרנישט געענטפערט, און צוויי וואָכן שפּעטער, איז דער עלטערער בחור געוואָרן אַ חתן בשעטומ"צ.

ווען די בני בית פון דעם יונגערמאַן (וואָס האָט געמאַכט דעם קידוש אין ביתר) האָט געהערט די מעשה, האָט זי פאַרשטאַנען אַז זי האָט דאָ אַ "גאָלד-גרובן", און זי האָט אָנגעהויבן וואַרטן און אַרויסקוקן אויף אַ געלעגנהייט ווען זי וועט "זוכה זיין" צו אַ בושה און אַ בזיון, און זי וועט שווייגן, און אַזוי וועט זי זוכה זיין געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד... נאָך אַ קורצע צייט, ווען דאָס פּאָרפאָלק איז געווען אין צפת, האָבן אַ גרופּע מענטשן זיך פאַרלייגט אויף איר ווען זי איז דאָרט געגאַנגען אויף די גאַס, און זיי האָבן איר פאַרשעמט. זייערע געשרייען אויף איר זענען כסדר געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, און זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ווען איר מאַן האָט געזעהן ווי זי וויינט אַזוי, האָט ער לכתחילה געמיינט אַז דאָס איז צוליב די בושות וואָס די חברה פאַרשעמען איר, און ער האָט שוין געטראַכט ביי זיך צו אהין גיין און זיי פאַרטרייבן פון דאָרט. זיין בני בית האָט איהם אָבער געבעטן, ער זאָל זיי אָפּלאָזן, און שפּעטער וועט זי איהם שוין דערציילן וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

שפּעטער, ווען די באַנדע איז אַוועק פון דאָרט, האָט זי דערציילט פאַר איר מאַן, אַז זי קוקט אַרויס שוין אַ לאַנגע צייט "זוכה צו זיין" צו אַ בושה. "יעצט, אַז כ'האָב 'זוכה געווען' דערצו, האָב איך באַלד אָנגעהויבן מתפּלל זיין צום באַשעפער, איך זאָל זוכה זיין צו זרע של קיימא". דער אויבערשטער האָט געהערט זייער תפילה, און זיי זענען ביז אַ קורצע צייט געהאָלפן געוואָרן, און יעצט האָט ער געפּראַוועט דעם קידוש פאַר זיין ניי-געבוירענע טאָכטער למזל טוב.

און אָט איז נאָך אַ מעשה, ווי בזיונות איז בכוח ממתיק צו זיין די דינים רח"ל. מיר האָבן עס געהערט פונעם בעל העובדא, וועלכער האָט חתונה געהאַט צוויי יאָר צוריק. שבת פאַר די חתונה, ביים אויפרוף וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן בית המדרש אין שיכון וויזניץ אין בני ברק, איז געווען אַ גרויסער טומל אין "עזרת נשים", און ווען ער האָט געענדיגט די ברכה ביים עולה זיין, האָט מען נישט געוואָרפן אויף איהם די 'פּעקלעך', ווי ס'איז דער מנהג. דאָס האָט איהם גורם געווען אַ גרויסע בושה, און ער האָט זיך געדאַרפט צודעקן דאָס פּנים און זיינע פאַרוויינטע אויגן, מיט'ן טלית וואָס ער האָט געטראָגן ביי די עליה.

שפּעטער, ביי די סעודה שבת בייטאָג, האָט איינער פון זיינע נאָנטע קרובים איהם געבעטן ער זאָל מוחל זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר די וואָס זענען שולדיג אין דעם גערודער וואָס צוליב דעם האָט מען איהם נישט "באַוואָרפן" ביי זיין עליה, און ער זאָל איהם אַוועקשענקען דעם זכות פונעם בזיון, ווייל ער וואַרט שוין מערערע יאָרן אויף אַ קינד (ער האָט ביז דעמאָלטס געהאַט נאָר איין קינד). דער חתן האָט איהם אַוועקגעשאָנקען דעם זכות פון דעם בזיון, און "כעת חיה", אַ יאָר שפּעטער, י"א שבט תש"פ, האָט דער קרוב געהאַט אַ זון אין אַ מזל'דיגע שעה...

עס איז באַקאַנט, אַז אַ פרוי איז אַמאָל געקומען מיט איר זון פון אויסער ירושלים, צו ווילן איין נאַכט אַלס אַ "גאַסט" אין הויז פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע. פון איין נאַכט, איז געוואָרן אַ צווייטע נאַכט, אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר, און אַ סאַך יאָרן... ווען רבי שלמה'קע איז עלטער געוואָרן, האָט מען געוואָלט בויען פאַר איהם נאָך אַ בית הכסא אין הויף. די פרוי האָט אָבער געשריגן אַז זי איז נישט מסכים צו בויען דעם בית הכסא, ווייל עס שטערט איר מנוחה... ווען רבי שלמה'קע האָט געהערט דערפון, האָט ער געזאָגט אַז "זי איז גערעכט"... אויב עס שטערט איר, טאָר מען נישט בויען דעם בית הכסא קעגן איר ווילן.

וועט איר דאָך אַוודאי מיינען, אַז הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט אין דעם געזעהן "בלויז" אַ מצוה פון העלפן אַן אָרימע פרוי, האָט פּאַסירט אין אַ געוויסן טאָג, אַז זי איז געקומען צו רבי שלמה'קע און זיך מזכיר געווען אַז די הויז וואָס זי פאַרמאָגט אין תל אביב, שטייען שוין אַ צייט ליידיג... קיינער דינגט עס נישט ביי איר, בעט זי דעריבער אַז דער רבי זאָל זעהן מתפּלל צו זיין אַז זי זאָל געפינען מענטשן וואָס וועלן דינגען די דירות... יעדער טאָג וואָס גייט פאַרביי און עס שטייט ליידיג, האָט זי שאָדן געלט...

זעהען מיר פון דעם ווי אַ איד קען זיך אויסאַרבעטן צו אַזאַ הויכע מדרגה, און כאָטש עס איז אַוודאי געזאָגט געוואָרן וועגן אַזעלכע אידן ווי דער קודש הקדשים רבי שלמה'קע, אָבער עפּעס קענען מיר זיך אָפּלערנען דערפון, צו זיין אַ "מעביר על מדותיו".

אויף דער עלטער, איז הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע געווען זייער שוואַך, און מ'האָט כמעט נישט געהערט זיין שטימע ווען ער האָט געזאָגט דברי תורה. נאָר די וואָס זענען געזעסן נאָנט צום בעלזער רב, האָבן געקענט הערן זיינע הייליגע ווערטער. איינמאָל האָט אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געוואָלט הערן די "דברי אלוקים חיים" פון בעלזער רב, זיך מקדים געווען און איז געקומען צוויי שעה פאַר'ן טיש, און זיך באַהאַלטן אונטער דער שטול פון בעלזער רב. אַזוי האָט ער געהאָפּט, וועט ער קענען הערן די דברי תורה.

כדי נישט מצער צו זיין דיין חבר, און דער אויבערשטער וועט שוין ערפילן דיין חסרון!

**אזוי** געפינען מיר ביי איינער וואָס באָרגט געלט פאַר אַן אָרימאַן און ער נעמט פון איהם אַ משכון ווייל ער האָט נישט געצאָלט זיין חוב. איז די הלכה אז ביינאַכט דאַרף ער איהם צוריקגעבן זיין נאַכט-העמד, און בייטאָג דאַרף מען איהם צוריקגעבן די קליידער וואָס ער גייט בייטאָג, ווי דער פסוק זאָגט, "כי הוא כסותה לבדו הוא שמלתו לעורו, במה ישכב". און אויב ער וועט עס נישט צוריקגעבן, און דער אָרימער לוה וועט וויינען און שרייען פאַר'ן באַשעפער, זאָגט אויף איהם דער פסוק, "והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני".

**זאָגט** אויף דעם דער "ספורנו", אַז כאָטש דער אָרימאַן וועט נישט קענען שרייען אַז דו באַרויבסט איהם, "שהרי הוא חייב לך" - ווייל ער איז דאָך דיר שולדיג געלט, פונדעסטוועגן, ווען ער וועט שרייען צום אויבערשטען וועגן זיין אָרימען מצב, וואָס איז גורם אַז ער זאָל נישט האָבן אַ קלייד אָנצוטוהן, זאגט דער אויבערשטער, וועל איך איהם געבן אַביסל פון דעם וואָס איך וואָלט דיר געגעבן, און אפילו מער ווי דו דאַרפסט האָבן, כדי דו זאָלסט קענען שפייזן דערמיט נאך אנדערע מענטשן.

**אויף** די ווערטער פונעם "ספורנו", איז מוסיף דער ווילנער גאון זי"ע (געברענגט אין ספר "ליקוטי בתר ליקוטי", שנת תש"ב), אויפ'ן פסוק (כב, כב) "אם ענה תענה אותו", אפילו אויב דו וועסט עס טוהן לשם שמים, כדי יענער זאָל שרייען צום אויבערשטען או אזוי זאל ער געהאלפן ווערן, וועט עס אויך גערעכנט ווערן פאַר אַן עבירה, און איך וועל אויסהערן זיין געשריי דיך צו באַשטראָפן ח"ו.

**דער** ווילנער גאון זצ"ל ברענגט אַ ראיה דערצו פון פנינה (ש"א א, ו) וואָס זי האָט מצער געווען חנה (איר "צרה" - די אַנדערע פרוי פון אלקנה), אַז זי האָט נישט זוכה געווען צו קינדער. כאָטש פנינה האָט געמיינט לשם שמים (ב"ב טז.), און זי האָט איר געטשעפּעט נאָר כדי איר מעורר צו זיין אַז זאָל בעטן דעם אויבערשטען מיט הייסע טרערן זי זאָל זוכה זיין צו קינדער, פונדעסטוועגן, איז פנינה באַשטראָפט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (שם ב, ה) "עד עקרה ילדה שבעה רבת בנים אומללה". אירע קינדער זענען ליידער אַוועק פון דער וועלט ל"ע ביי איר לעבן.

**אויך** זעהען מיר אין דער גמרא (ברכות יח.) "לא יהלך אדם בבית הקברות ותפילין בראשו וספר תורה בזרועו וקורא, ואם עושה כן, עובר משום לועג לרש" (משלי יז, ה). אַ מענטש זאָל נישט גיין אין אַ בית החיים ווען ער טראָגט תפילין אויף זיין קאָפּ, און לייענען אין אַ ספר תורה אין די הענט, ווייל מיט דעם לאַכט ער אָפּ פון די מתים וואָס קענען שוין נישט היטן די מצוות פון דער תורה.

**איז** דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן ביי מענטשן וואָס לעבן שוין נישט, איז דאָך אַ קל וחומר ווי שטאַרק מ'דאַרף זיין געהיטן נישט וויי צו טוהן אַפילו מיט אַ וואָרט אַ לעבעדיגן מענטש, ווייל עס איז נישט דאָ אַ גרעסערער אָרימאַן ווי איינער וואָס זיין חבר שטעכט איהם מיט ווערטער און ער קען זיך נישט אַליין שיצן.

**פרשת שקלים - די גרויסע שפע וואָס ווערט נשפע אין דעם שבת**

**דער** מדרש תנחומא (תשא ג) זאָגט, משה האָט געזאָגט פאַר דעם באַשעפער, רבונו של עולם, ווען עס

---

עטליכע מינוט איידער דער בעלזער רב איז אַריינגעקומען צום טיש, האָבן די משמשים באַמערקט דעם יונגערמאַן זיצן אונטער די שטול, און זיי האָבן איהם אָנגעהויבן אַוועקשטופּן פון דאָרט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג, ווייל דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקרירן פון דאָרט נאָכ'ן אָפּשטיין דאָרט אַ צוויי שעה. אינעם געשלעג, האָט דער יונגערמאַן געביסן איינעם פון די משמשים, וועלכער האָט זיך צעשריגן פונעם ווייטאָג פונעם ביס. אין יענע מינוט, איז דער בעלזער רב אַריינגעקומען צום טיש, און הערנדיג דעם געשריי, האָט ער געפרעגט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ווען ער האָט געהערט די מעשה, האָט ער צוגערופן דעם יונגערמאַן, און איהם געזאָגט:

- אמת, דו ביסט גערעכט... אָבער מיר האָבן קבלה פון אונזערע הייליגע עלטערן, אַז אַ איד דערקענט זיך דייקא דעמאָלטס ווען ער איז גערעכט...

ווער קומען די צייט ח"ו איך זאָל מער נישט זיין אויף דער וועלט וועט מען מיך נישט געדענקען. האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט "חייך" - איך שווער ביי דיין לעבן. "כשם שאתה עומד עכשיו ונותן להם פרשת שקלים ואתה זוקף את ראשן" - פונקט אַזוי ווי דו שטייסט יעצט און די געבסט זיי פרשת שקלים, און דו הייבסט אויף זייערע קעפּ. "כך בכל שנה ושנה שקוראין אותה לפני", אַזוי אויך יעדע יאָר ווען זיי וועלן לייענען די פרשה פאַר מיר, "כאילו אתה עומד שם באותה שעה וזוקף את ראשן" - איז כאילו ווי דו שטייסט דאָרט אין יענע צייט, און דו הייבסט אויף זייערע קעפּ[יד].

**עם** שטייט אין "ספר הזכות", פון הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז די ווערטער פון די אויבן-דערמאנטן מדרש, זענען אַ "הבטחה גדולה" אַז אין יעדן דור ווען אידישע קינדער לייענען די פרשה פון שקלים, וועט משה רבינו ע"ה אויפהייבן זייערע קעפּ[טו].

**כדי** מ'זאָל אָבער קענען זוכה זיין צו אַזאַ "אויפהייבונג פונעם קאָפּ", דאַרף דער מענטש עפענען אַפילו

---

**יד.** פון דעם פאַרשטייט מען, אַז דער שבת ווען מ'לייענט די פרשה פון שקלים, איז מסוגל מ'זאָל געראַטעוועט ווערן פון יעדע פגע און מחלה, און אין דעם כלל זענען אַריינגערעכנט רפואות און ישועות ברוחניות ובגשמיות, ווייל ווען דער מענטש האָט יסורים רח"ל איז דאָך זיין גאַנצער קערפּער איינגעבויגן, און ווען ער ווערט פּטור פון די יסורים ווערט זיין קאָפּ אויפגעהויבן פון זיך אַליין, ממילא איז אין כלל פון "אויפהייבן דעם קאָפּ" (ביים לייענען די פרשה פון שקלים) אַז דעם שבת ווערט מען געהאָלפן מיט אַלע השפעות טובות, אמן.

אַזוי שטייט אין ספר "גנזי ישראל", פון טשאָרטקובער רבי'ן הרה"ק רבי ישראל זי"ע, אַז יעדן שבת פון די ארבע פּרשיות קומט אַראָפּ אַ שפע אויף דער וועלט, און אין פּרשת שקלים קומט אַראָפּ אַ שפע פון רייכטום און הרחבה.

אַזוי זאָגט אויך דער "עטרת ישועה" (מועדים, משפטים-שקלים), אַז שבת שקלים איז מסוגל אויף פּרנסה, עיי"ש. און הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע האָט געזאָגט, אַז אין שבת שקלים קען מען בעטן אַז די תפילות פון גאַנצן יאָר, זאָלן אָנגענומען ווערן לרחמים ולרצון.

עס ווערט דערציילט ("פאר יוסף", ע' כה), אַ איד אַ חסיד פון דער שטאָט דראָגמירעשט, ר' מאיר כהנא ז"ל, איז געפאָרן מיט זיין ברודער, ר' זאַנוויל ז"ל, צום בעל "אמרי יוסף" זי"ע קיין ספּינקא, צום ערשטן מאָל, אויף שבת שקלים שנת תרמ"ג.ביידע ברידער זענען ליידער געווען גרויסע בעלי יסורים רח"ל. פרייטאָג, ווען ר' מאיר כהנא האָט דערלאַנגט פאַר'ן "אמרי יוסף" זיין קוויטל געהאָלפן צו ווערן מיט אַ ישועה, ווייל ער האָט נישט געהאַט קינדער און זיין ווייב איז געווען אַ חולנית רח"ל, האָט דער "אמרי יוסף" געפאָדערט פון איהם אַ "פּדיון" פון 100 רענדלעך. ר' מאיר האָט אַראָפּגעלייגט דאָס געלט אויפ'ן טיש, און דער רבי האָט איהם צוגעזאָגט ער זאָל געהאָלפן ווערן מיט די גאַנצע ישועה. זיין ברודער, ר' זאַנוויל, האָט אָבער נישט באַוויזן אַריינצוקומען מיט אַ קוויטל צום רבי'ן פאַר שבת.

פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, ווען זיי האָבן געשטעלט וויין כנהוג, האָט דער "אמרי יוסף" איהם אָנגעוואונשן אַז זיינע קינדער זאָלן האָבן אַ רפואה שלימה, און ער האָט עס מסביר געווען, ווייל שבת שקלים ווערן דאָך געענטפערט אַלע תפילות צוליב דעם וואָס מ'האָט געקויפט פונעם "מחצית השקל" די קרבנות תמיד וואָס מ'האָט מקריב געווען יעדן טאָג אין בית המקדש, און די חז"ל זאָגן (ברכות כו:) אַז מ'האָט מתקן געווען צו דאַווענען, אנשטאט דעם קרבן תמיד. קומט אויס, אַז אין דעם שבת, פּרשת שקלים, ווען מ'האָט צוגעגרייט דעם קרבן תמיד (ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען) פאַר'ן גאַנצן יאָר, איז אויך בזמן הזה, מסוגל אַז די תפילות וואָס זענען אַנטקעגן די תמידים, זאָלן אָנגענומען ווערן לרצון אין דעם שבת, און מ'קען בעטן אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן לרצון פאַר'ן באַשעפער. איבעריג צו זאָגן, אַז ביידע ברידער זענען געהאָלפן געוואָרן מיט זייערע בקשות לטובה ולברכה.

**טו.** דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז אין די שבתים פון די ד' פּרשיות קען יעדער איד זיך אָנקלעבן אין די הייליגע שכינה, און יעדע פּרשה פון די פיר פּרשיות איז אַנטקעגן איין אות פון שם הוי' ברוך הוא, און דער מענטש וואָס האָט שכל, נוצט אויס די טהרה און קדושה וואָס ווערט נשפּע אין די טעג, כדי זיך אָנצוקלעבן אין באַשעפער ברוך הוא, אַזוי ווי מיר זענען מתפלל (יוצר לתפילת מוסף) "אור פניך עלינו אדון נשא".

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע, "איך וואַרט שוין גערן עס זאָלן קומען די פיר פּרשיות, איך זאָל מיך זעהן מיט דעם אויבערשטען". דאָס הייסט, ער שטייט און קוקט אַרויס אויף די שבתים ווען מ'לייענט די פיר פּרשיות, ווייל דאַן "טרעפט" מען זיך מיט'ן אויבערשטען כביכול ("אמרי פנחס", שער ד, רכה).

נאָר אַ קליין טירל, און משתוקק זיין אַרויסצוגיין פון די בלאָטע אין וועלכע ער איז פאַרזינקען[טז]. ווי דער "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט טאַקע געזאָגט, אַז שבת פרשת שקלים, דאַרף דער מענטש נאָכציען זיין גאַנצן קערפּער (דאָס הייסט, זיינע בהמות'דיגע נטיות) נאָכ'ן קאָפּ, ווייל אויב זיינע איברים וועלן נישט אַרויפגיין מיט'ן קאָפּ, וועט ער בלייבן ח"ו ווי אַן 'אויפגעהאָנגענער' רח"ל, נאָך דעם ווי מ'האָט "אויפגעהויבן" זיין קאָפּ...

**מ'קען** פאַרשטיין דעם מהות פון די "זקיפת הראש" צו וועלכע אידן זענען זוכה שבת פרשת שקלים, לויט די ווערטער פון די חז"ל (חגיגה טז.) אַז זעקס זאַכן זענען געזאָגט געוואָרן ביי מענטשן. מיט דריי זאַכן זענען זיי אַזוי ווי די מלאכים אין הימל, און מיט דריי זאַכן ענדלען זיי צו אַ בהמה. איינע פון די זאַכן מיט וועלכע דער מענטש איז אַזוי ווי אַ מלאך, איז דאָס וואָס ער גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ ("בקומה זקופה") אַזוי ווי די מלאכים, אָבער די בהמות, גייען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל די בהמה איז שטענדיג פאַרנומען צו זוכן גשמיות'דיגע זאַכן, און די עבודה פון מענטש איז זיך צו שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע, און זיך אַוועקשטעלן צו גיין "בקומה זקופה", מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל.

**שבת** פרשת שקלים, זענען מיר זוכה צו אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא אויף דעם געביט, ווייל משה

---

**טז.** הרה"ג רבי יצחק לעבאָוויטש שליט"א, פון די באַקאַנטע מגידי שיעור אין וויליאַמסבורג, דערציילט אַן עפּיזאָד וואָס האָט לעצטנס פּאַסירט מיט אַ יונגערמאַן וואָס באַטייליגט זיך ביי זיין שיעור. ער פאַרקויפט סחורה אין אַ גרויסן "שאַפּינג צענטער" (די קונים באַשטעלן אַלעס פונדערהיים, מ'שיקט די באַשטעלונגען צו דעם יונגערמאַן, און ער זאָרגט דערפאַר אַז די פירמע זאָל דעליווערן די זאַכן צו די קונדן). ער האָט, ברוך ה', מצליח געווען אין זיין מסחר. האָט אָבער פּאַסירט אַז די פאַרוואַלטער פונעם "שאַפּינג צענטער" האָבן איהם פאַרדעכטיגט אַז ער האַנדלט נישט ערליך, און זיי האָבן איהם נישט ערלויבט אַריינצוקומען דאָרט, ביז ער וועט זיי אויפווייזן זיין ישרות און באַגלויבטקייט. ליידער אָבער, האָבן זיי גע'פּסל'ט יעדן דאָקומענט וואָס ער האָט זיי צוגעשטעלט, און אַזוי האָבן זיי אָפּגעלאָכט פון איהם עטליכע חדשים, ביז זיי האָבן איהם ענדליך געמאָלדן, אַז אויב ער וועט נישט צושטעלן די נויטיגע באַווייזן איבער זיין ערליכקייט אין האַנדל, ביז דרייסיג טעג, וועלן זיי אַריינוואַרפן אין מיסט זיין גאַנצע סחורה וואָס ליגט אין זייער "ווערהאַוס"...

מוצאי שבת פרשת שמות תש"פ, האָט דער יונגערמאַן געבעטן הרב לעבאָוויטש, ער זאָל אַריינקומען אין זיין קאַר, ווייל ער וויל רעדן מיט איהם וועגן אַ וויכטיגן ענין וואָס דרוקט איהם. ער האָט מיט געוויין געפרעגט "ואני אנה אני בא"... זאָגט הרב לעבאָוויטש: "וויבאַלד איך קען זייער גוט דעם יונגערמאַן, און איך ווייס שוין לאַנג אַז ער האָט פאַרשידענע טעכנאָלאָגישע 'כלים' פאַר זיין פרנסה, און איך האָב שוין גערעדט מיט איהם עטליכע מאָל, אַז ס'איז זייער וויכטיג, פאַר זיין טובה און פאַר די טובה פון זיינע בני בית, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אַ 'פילטער' אויף די כלים, אָבער ביז יעצט האָט ער אָפּגעלייגט צו ערפילן מיינע בקשות, זאָגנדיג, אַז אַוודאי וויל ער אַזוי טוהן, צו מאַכן אַ 'פילטער', אָבער 'יש מחר לאחר זמן'... ער האָט נאָך צייט דערפאַר".

זאָגט הרב לעבאָוויטש ווייטער: "יעצט האָב איך געטראַכט, ס'איז שוין געקומען די ריכטיגע צייט דערפאַר. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט, און איהם געזאָגט, זעהענדיג ווי ער איז שוין אינגאַנצן מיואש פון זיין מצב, אַז איך בין טאַקע נישט אין הימל, אָבער כ'בין זיכער, אַז אויב ער וועט יעצט לייגן אַ 'פילטער' אויף אַלע כלים וואָס ער האָט, וועט דער אויבערשטער איהם נישט פאַרלאָזן, און ער וועט איהם אַרויסנעמען פון זיין קלעם. דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן, ער האָט אויפ'ן אָרט ערלעדיגט אַ 'פילטער', און איך האָב מתפלל געווען צום באַשעפער אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ קידוש שם שמים און זיין 'קבלה' זאָל אויפטוהן איר פעולה".

"און וואונדער איבער וואונדער: דער יונגערמאַן האָט יענעם פרייטאָג פרשת שמות (אנדערהאַלבן טעג איידער ער האָט אַרויפגעלייגט דעם 'פילטער' אויף זיינע 'כלים') אַריינגעשיקט די זעלבע דאָקומענטן וואָס זיי האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט שוין אָפּגעוואָרפן אַז ס'איז נישט צופרידענשטעלנד פון זייער שטאַנדפּונקט, און מאָנטאָג פרשת וארא, פיר אַזייגער פאַרטאָגס, ווען די וואָך פאַנגט זיך אָן ביי זיי (זונטאָג, אַרבעט מען דאָך נישט אין אַמעריקע) האָבן זיי איהם געמאָלדן אַז די דאָקומענטן זענען אין אָרדענונג, און אַלעס איז 'פיין און וואויל'...", און דער יונגערמאַן קען ווייטער פאַרקויפן זיינע סחורות"...

רבינו ע"ה שטייט און ער הייבט אויף די קעפּ פון אידישע קינדער, און ממילא זענען מיר דעמאָלטס בכוח זיך אויפצוהייבן איבער אַלע "בהמיות'ן", און צו שטיין בקומה זקופה פאַר'ן באַשעפער, אַזוי ווי די מלאכי השרת.

מענין לענין זה, קען מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער פון די חז"ל (במדב"ר פ"ב, ג, מובא ברש"י ריש פ' כי תשא), "זה יתנו", האָט רבי מאיר געזאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט אַרויסגענומען אַזוי ווי אַ מטבע פון פייער", פון אונטער'ן כסא הכבוד, וואָס עס האָט

---

**יז.** דער באַקאַנטער ליובאַוויטשער חסיד און "משפיע", הגה"ח רבי מענדל פוטערפאַס זצ"ל, האָט דערציילט, אַז מ'האָט אַמאָל געשיקט אַ גרופּע סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי (אין דער צייט ווען דער "צאַר" האָט געהערשט אין רוסלאַנד) מלחמה צו האַלטן מיט'ן שונא פונעם צאַר. די סאָלדאַטן האָבן זיך געפירט, אַז בייטאָג האָבן זיי געהאַלטן מלחמה מיט'ן שונא, און ביינאַכט פלעגן זיי אַריינגיין אין אַ "שענק" צו טרינקען און זויפן. זיי האָבן זיך דאָרט אָנגע'שיכור'ט, און אַזוי פלעגן זיי איינשלאָפן אין זייער שיכרות, און אינדערפרי, פלעגן זיי אויפשטיין און פאָרזעצן מיט די מלחמה ביז אין אָוונט. אַזוי גייט עס אָן ביז די מלחמה קומט צו אַ סוף.

איינמאָל אויף א דאנערשטאג נאכט, זענען די סאָלדאַטן געווען אין אַ שענק און האָבן זיך דאָרט אָנגעטרינקען, און זענען איינגעשלאָפן. איינער פון זיי, איז אָבער געווען גאָר "שיכור ווי לוט"... און אינדערפרי, ווען די אַנדערע סאָלדאַטן זענען אויפגעשטאַנען און פאָרגעזעצט אין וועג, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער קאָלעגע, דעם שיכור'ן סאָלדאַט, ליגן אין דער קרעטשמע, ווייל זיי האָבן איהם נישט געקענט אויפוועקן.

אַזוי איז דער סאָלדאַט געשלאָפן ביז דעם קומענדיגן אָוונט, פרייטאג צו נאכטס. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף, האָט ער געזעהן אַז ס'איז פינצטער אינדרויסן און ער זעהט נישט זיינע חברים די אַנדערע סאָלדאַטן. איז דער סאָלדאַט אַריינגעגאַנגען אין אַ אידיש הויז, און איז אַריין אין קוך, אַראָפּגענומען דעם טאָפּ מיט טשאָלענט וואָס איז געווען פיין וואַרים, אַנגעגרייט מבעוד יום. דער ריח פונעם טשאָלענט איז אַריין אין זיינע נאָזלעכער, און ער האָט פשוט אַריינגעגאָסן טשאָלענט אין זיינע כלים און זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד... דער פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעבריט פון דעם הייסן טאָפּ מיט טשאָלענט וואָס דער שיכור'ער סאָלדאַט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין פלייצע, האָט זיך גענומען לויפן וואו דער ווינט האָט איהם געטראָגן... ער איז געלאָפן אַזוי שנעל אַז ער איז פאַרביי געלאָפן די גרופּע מיט סאָלדאַטן פון זיין איינהייט, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווייל עס איז דאָך איהם געווען הייס צוליב דעם טאָפּ מיט טשאָלענט... אַזוי איז דער פערד געלאָפן מיט'ן שיכור'ן סאָלדאַט, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין האַרץ פון שונא'ס מחנה...

ווען די סאָלדאַטן פון דער פיינטליכער אַרמיי האָבן באַמערקט ווי אַ רייטער קומט צו לויפן מיט אַ פערד אויף אַ ווילדן צעבושעוועטן אופן, האָבן זיי זיך דערשראָקן, טראַכטנדיג אַז אויב יענער סאָלדאַט האָט נישט מורא אַריינצופליען אין סאַמע מיטן פון זייער איינהייט, האָט ער אַוודאי מיט זיך אויפרייס מאַטעריאַל און מינעס... און זענען זיך אלע צולאפן פאר זייער לעבן און אַזוי האָט די מלחמה זיך געענדיגט אָן גע'הרג'עטע פון ביידע זייטן...

דאָס זעלבע איז מיט די מלחמת היצר. אויב דער יצר הרע זעהט אַז דער מענטש שטעלט זיך אַנטקעגן איהם אָן קיין מורא, ווערט ער אַליין דערציטערט און האָט מורא פונעם מענטש, טראַכטנדיג, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ "כלי משחית" דער מענטש האַלט אונטער'ן אנצוג, עס אַרויסצונעמען אין פאַל פון אַ נויט... אַזוי ווי דער יצר איהם צורוהה לאָזן.

מ'דערציילט, אַז רייכער מאַן וואָס איז געווען זייער קאַרג, אויף אַזוי ווייט, אַז ס'איז נישט געווען עמיצער וואָס זאָל קענען עדות זאָגן אַז ער האָט אַמאָל באַקומען פון איהם אַ פּרוטה פאַר אַ דבר שבצדקה. דער רייכער מאַן האָט שטענדיג שטאָלצירט מיט זיין גרויסן יחוס, אַז ער שטאַמט פונעם גאון בעל "מגן אברהם" זצ"ל.

אַמאָל איז אַרויפגעקומען צו איהם אַ גבאי צדקה, וועלנדיג איהם 'מזכה זיין' פאַר אַ וויכטיגע דבר מצוה, און ער האָט גערעדט ווערטער וואָס קענען מאַכן אַז אַפילו אַ שטיין זאָל צעגיין... דער גביר האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיין קאַרגשאַפט, און האָט איהם נישט געגעבן אַפילו אַ פּרוטה. האָט דער גבאי צדקה איהם געזאָגט: "דו ביזט נישט אַן אייניקל פונעם 'מגן אברהם'...".

אויף די פאַרוואונדערונג פונעם גביר, פון וואו ער, דער גבאי צדקה, קען זיין "יחוס", און וואו קומט דאָס אַריין דאָ בנוגע די נדבה וואָס ער בעט פון איהם, האָט דער גבאי איהם געזאָגט: יעדער איינער ווייסט, אַז מ'קען נישט

געוואויגן אַ האַלבן שקל, און ער האָט עס געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה, זאָגנדיג: "כזה יתנו".

**דאַרף** מען פאַרשטיין, צו דען זענען דאָ גשמיות'דיגע מטבעות אונטער דעם כסא הכבוד? דאָרט רוען דאָך די הייליגע נשמות פון אידישע קינדער, וואָס זענען "חצובות" אונטער דעם כסא הכבוד. ווי קומען גאָלדענע מטבעות אונטער דעם כסא הכבוד?

**קען** מען זאָגן אַ כוונה, לויט ווי הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז ער געווען אין דייטשלאַנד, און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שול, און האָט דאָרט געהערט ווי דער רב האַלט אַ דרשה פאַר'ן עולם, און פרעגט, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר משה רבינו ע"ה אַ מטבע פון פייער? כדי צו פאַרשטיין וויפיל עס וועגן דער "מחצית השקל", איז גענוג געווען צו ווייזן איהם אַן אייזערנע מטבע. האָט דער רב געענטפערט, אַז אַוודאי האָט ער נישט סתם אַזוי געוויזן פאַר משה די מאָס פון אַ מטבע, נאָר ער האָט איהם געוויזן אַז די נדבה פון די מטבע דאַרף זיין מיט אַ "פייערדיגן" ברען[יח].

**לויט** דעם קען מען זאָגן, אַז די כוונה פון "מטבע של אש" איז נישט אויף גשמיות'דיגע געלט, וואָס האָט זיכער נישט קיין אָרט אונטער דעם כסא הכבוד, נאָר צום "פייער" פון השתוקקות און התלהבות וואָס אידישע קינדער דאַרפן האָבן ווען זיי דינען דעם אויבערשטען. דער דאָזיגער פייער איז באַהאַלטן אונטער דעם כסא הכבוד, און דער אויבערשטער כביכול האָט אַ גרויסן פאַרגעניגן דערפון.

**מ'קען** צולייגן, אַז צוליב דעם טעם האָט דער אויבערשטער אונז באַפוילן צו געבן אַ "מחצית השקל", און נישט אַ גאַנצן שקל, כדי אונז צו לערנען אַז דער אויבערשטער נויטיגט זיך אינגאַנצן נישט אין אונזערע שקלים, נאָר אַז מיר זאָלן מעורר זיין אונזערע הערצער משתוקק צו זיין זיך צו דערנעענטערן צום באַשעפער ברוך הוא, ווייל "רחמנא לבא בעי". און אויב די תורה וואָלט געהייסן ברענגען אַ גרויסע נדבה, וואָלט עס אויסגעזעהן ווי דאָס חשיבות באַשטייט אין די עצם מטבע וואָס ער האָט געגעבן, ווען דעם האָט דער אויבערשטער געהייסן מיר זאָלן ברענגען אַ קליינע מתנה, וואָס וועט אָנגענומען ווערן ביים אויבערשטען לרצון, ווייל נישט די "מתנה" איז די זאַך וואָס ווערט אָנגענומען, נאָר דער רצון פון האַרץ.

**פון** דעם זעהען מיר אויך אַז דער עיקר איז נישט די תרומה פונעם מחצית השקל, נאָר דאָס וואָס דער מענטש, אַ "קרוץ מחומר" און בשר ודם, דערוואָרימט זיין האַרץ ווי אַ שטיק פייער און ברענגט זיינע גשמיות'דיגע רצונות אַלס אַ קרבן פאַר דעם באַשעפער ב"ה. לויט דעם, איז באמת נישט קיין חילוק צווישן די מצוה פון שקלים וואָס מ'האָט געברענגט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, צו די קריאה פון פרשת שקלים היינטיגע צייטן.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, "אור פניך עלינו אדון נשא", און מיר זאָלן זוכה זיין צו די גרויסע שפע וואָס ווערט נשפע אין די יעצטיגע טעג, אורה ושמחה וששון ויקר, אמן כן יהי רצון.

---

לערנען "מגן אברהם" אָן "מחצית השקל" (מ'קען נישט פאַרשטיין דעם "מגן אברהם" אויף שולחן ערוך, אָן צו לערנען דעם פירוש פון "מחצית השקל", וועלכער איז עס מסביר אויף בטוב טעם ודעת, די ווערטער פונעם "מגן אברהם"), און אויב דאָ איז נישט דאָ אַ "מחצית השקל" (ער גיט נישט קיין געלט אויף צדקה...) איז דאָך אויך נישט דאָ אַ "מגן אברהם"...

לענינינו קענען מיר צולייגן, מיר אַלע, זענען דאָך אייניקלעך פון אברהם אבינו ע"ה, אויף וועמען מיר זאָגן אין שמונה עשרה, "מגן אברהם"... ממילא, קענען מיר אויך נישט זיין אייניקלעך פונעם "מגן אברהם" אָן דעם "מחצית השקל", וואָס דאָס איז דער "מטבע של אש", מיט אַ פלאַקערדיג האַרץ צו טוהן דעם רצון פונעם באַשעפער ברוך הוא.

**יח.** ווען דער "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט שפּעטער איבערגע'חזר'ט פאַר זיין רבי'ן, דער קאָצקער רבי זי"ע, די ווערטער פון דעם רב אין דייטשלאַנד, און דער "חידושי הרי"ם" האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, פון וואו אַ רב אין מדינת אשכנז האָט געקענט זאָגן אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען ממש "תורת אמת", האָט דער קאָצקער רבי איהם געזאָגט:

- וויבאַלד אין זייערע מקומות איז מען זייער מהדר אין די מצוה פון הכנסת אורחים, דערפאַר האָט דער רב זוכה געווען מחדש צו זיין אַזאַ וואונדערליכן חידוש.